זשעכצענסשט איראַנ

№ 16

פרייז 20 גראָשען. "CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

Biblioteka Jagiellońska Kraków Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

[illegible]

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek 16 kwietnia 1937 — ליכט-צינדען 6.18 — פרייטאג פ׳ תזריע ומצורע ה׳ אייר תרצ"ז

אונזער ג׳ רעדאקטאָר ה׳ **יוסף שאַיאַ** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרגלית** מיט אפל. אדוו. **שמואל היידע**
ווינשט א הארציגען מזל-טוב
רעדאקציע „ווילונער צייטונג".

אונזער חשוב׳ן מיטארבייטער ה׳ **יוסף שאַיאַ** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרגלית** מיט אפל. אדוו. **שמואל היידע**
ווינשט א הארציגען מזל-טוב
רעדאקציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג".

אונזערע פריינד **יוסף שאַיאַ** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער פרל. **מרגלית**
מיט אפל. אדוו. **שמואל היידע,** זאָלט איהר
ביי זיי פיעל נחת דערלעבען. דעם יונגען פאָר —
א גליקליך צוזאמענלעבען.
טשענסטאכאוו. **ב. באַטשאַן** און פרוי.

מיינע ליבע פריינד **רעניאַ** און **יוסף שאַיאַ** (וויעלון)
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרגלית** מיט אפל. אדוו. **שמואל היידע**
די הארציגסטע ברכות. האט פון זיי פיעל נחת.
שמואל פראַנק.

א הארציגען מזל-טוב אונזערע פריינד יוסף שאיא און פרוי צו דער חתונה
פון זייער ל. טאָכטער פרל. **מרגלית** מיט אדוו. אפל. **סאַמועל היידע.**
דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט ווינשען
אשר מענדלעוויטש און פרוי, לייב אייזנער און פרוי.

גליק און צופרידענהייט אונזערע פריינד, די פאמיליעס שאיא און היידע, צו דער
חתונה פון זייערע קינדער פרל. **מרגלית** מיט אדוו. אפל. **שמואל** ווינשען
צבי דאווידאוויטש, משה הערצאָוויטש און פרוי, צבי וואלמאן און פרוי.

אונזערע פריינד, די פאמיליעס שאיאַ און היידע צו דער חתונה פון זייערע קינדער
מרגלית מיט ה׳ אפל. אדוו. **סאַמועל היידע**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב
בראָניאַ און ראובן קאָזשעץ.

לחברנו העסקן הציוני הנלהב יוסף שאיא ואת רעיתו לרגלי נשואיה של בתם
מרגלית עם העורך דין **שמואל היידע** הננו מגישים את ברכתנו מקרב לב
שלמה לאסמאן ורעיתו, יצחק קוניארסקי ורעיתו,
אהרן מנדלביץ ורעיתו.

אונזערן פריינד דעם אונערמידליכען ציוניסטישען עסקן יוסף שאיא ווי אויך
זיין ג׳ פרוי צו דער חתונה פון זייער ל. טאָכטער **מרגלית** מיט אדוו. **היידע**
פיעל נחת און פרייד.
ווינשען **שמואל יעקב שפיגעל און פרוי,**
קויפמאן קרימלאָוומקי און פרוי, יעקב אהרן בלוי און פרוי.

אונזערע קרובים יוסף שאיא און פרוי און אלחנן און אסתר היידע צו דער
חתונה פון זייערע קינדער פרל. **מרגלית** מיט אדוו. אפל. **סאַמועל** ווינשען
מיר די עלטערן פיעל נחת. דעם יונגען פאָר — א גליקליכע צוקונפט.
ישעיה בערקאוויטש און פרוי, גאדל סענדראוויטש און פרוי.

מזל טוב אונזער חבר און פריינד יוסף שאיא און פרוי צו דער חתונה
פון זייער טאָכטער פרל. **מרגלית** מיט ה׳ אדוו. אפל. **שמואל היידע**
דעם יונגען פאָר א הערליכע צוקונפט.
ווינשט **איכל לאנדוי און פרוי, יצחק הערשבערג און פרוי.**

אונזער חבר און פריינד יוסף שאיא און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
מרגלית מיט אדוו. **שמואל היידע** ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב.
דעם יונגען פאָר א גליקליכע צוקונפט.
פייוויש סקזיניע און פרוי, חיים בער ניימאן און פרוי.

LITA SZAJÓWNA — MGR. PRAW SAMUEL HAJDE

ZAŚLUBIENI

Wieluń — w kwietniu 1937 r. — Poznań

מרגלית שאַיאַ — עורך-דין שמואל היידע

באו בברית הנשואין

וויעלון — ב׳ אייר תרצ"ז — פוזן

ZRZESZ. KOB. ŻYD. „WIZO" w Wieluniu składa najserdeczniejsze życzenia honorowemu prezesowi p. ESTERZE HAJDOWEJ z intencji zaślubin Jej syna mgr. S. HAJDEGO z p. L. SZAJÓWNĄ.

Członkini naszej p. RENI SZAJOWEJ z intencji zaślubin Jej córki p. LITY SZAJÓWNY z p. mgr. S. HAJDĄ serdeczne życzenia składa
ZRZESZ. KOBIET ŻYD. „WIZO" w Wieluniu.

Najserdeczniejsze życzenia z okazji zaślubin p. LITY SZAJÓWNY z p. adw. SAMUELEM HAJDĄ. Rodzicom — pociechy.
Lek. dent A. BOMS z ŻONĄ.

Z intencji zaślubin
LITY SZAJÓWNY z apl. adw. SAMUELEM HAJDĄ życzą wiele szczęścia i rodzicom pociechy.
ARNOLDOWIE SIERADZCY, Praszka.

Z okazji zaślubin
LITY SZAJÓWNY z mgr. SAMUELEM HAJDĄ życzą wiele radości młodej parze i rodzicom pociechy
LEJZER BERKOWICZ z ŻONĄ.

Kochanej naszej LITCE z okazji Jej ślubu dużo szczęścia i pomyślności życzą.
Guta i Felusia.

K. koleżance naszej LICIE SZAJÓWNIE z intencji Jej zaślubin z mgr. praw SAMUELEM HAJDĄ wiele szczęście na nowej drodze życia życzą.
Minia Najmanówna, Mala Landsberger.

גם אנחנו בין המברכים
האחים קוניירסקי

מ ר ג ל י ת !
קבל נא את ברכותינו החמות ביום חתונתך
רבקה, שרה ויואל

ברכות לבביות וחמות לידידנו מר יוסף שאיא ורעיתו
לחתונתו של בתם **מרגלית** עם מר עורך-דין **שמואל היידע** שולחים
חיים גוטמאן ורעיתו

צו דער חתונה פון פרל. **מרגלית שאַיאַ** מיט ה׳ אדוו. **שמואל היידע**
ווינשען מיר אונזערע פריינד יוסף שאיא און פרוי פיעל נחת און פרייד
משה קאָניאַרסקי און פרוי,
יחיאל מאיר יאָקובאָוויטש און פרוי

את חברנו הנכבד סגן יושב-ראש של הסתדרותנו מר יוסף שאיא ורעיתו
לרגלי חתונת בתם **מרגלית** עם העורך-דין **שמואל היידע**
הננו מברכים בברכת מזל-טוב לבבית
הסתדרות הציונים הכללים, סניף בוילון.

ברכות חמות לידידנו מ׳ יוסף שאיא לחתונת בתו **מרגלית** (וילון)
עם ע"ד מ׳ **שמואל היידע** (לודז) שולחים:
ועדת ברית-הצה"ר בוילון
מפקדת וקן בית"ר, ועדת קרן-תל-חי

אונזער ג. פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ יוסף שאיא און פרוי צו דער חתונה פון זייער
טאָכטער **מרגלית** מיט ה׳ אדוו. אפל. **שמואל היידע** ווינשט פיעל גליק.
די פערוואלטונג פון דער **גמילת-חסדים-קאַסע „עזרה"**
אין וויעלון.

פיעל נחת ווינשען מיר אונזער פערוואלטונגס-מיטגליד ה׳ יוסף שאיא און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרגלית** מיט ה׳ **סאַמועל היידע.**
ועד מעות עניים, ועד מושב זקנים וויעלון.

אונזער ברודער און שוועסטער צו דער חתונה פון זייערע קינדער
מרגלית און **סאַלעק** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט.
יעקב און קאַראָלאַ שאיא וויעלון.

אונזער פאמיליע **שאַיאַ** און **היידע**
צו דער חתונה פון זייערע קינדער אונזערע הארציגסטע ברכות
מיכאל הערש און רודא קרושעפיצקי
לייביש און ליבטשיא קרושעפיצקי
חנה און יצחק קרושעפיצקי.

די פאמיליעס שאַיאַ און היידע צו דער חתונה פון זייערע קינדער
פרל. **מרגלית שאַיאַ** מיט אדוו. אפל. **שמואל היידע**
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב. דעם יונגען פאָר — גליק און צופרידענהייט.
אהרן לייב אראָנאָוויטש און פאמיליע, יחיאל עפשטיין און פאמיליע.

צו דער חתונה פון פרל. **מרגלית שאַיאַ** מיט אפל. אדוו. **שמואל היידע**
אונזערע בעסטע וואונשען. די עלטערן — פיעל פרייד.
א. סאבעלמאן און פרוי, פייטל כמורא און פרוי.

אונזערע קרובים די פאמיליעס שאיא און היידע צו דער חתונה פון זייערע קינדער
פרל. **מרגלית שאיא** מיט אדוו. אפל. **שמואל היידע** ווינשען מיר די
עלטערן פיעל נחת דעם יונגען פאָר א גליקליך צוזאמענלעבען.
שמואל שאיא און פרוי, מענדעל בעער און פרוי,
צבי שאיא און פרוי וויעלון.

א הארציגען מזל-טוב די פאמיליעס היידע און שאַיאַ צו דער חתונה פון זייערע קינדער
פרל. **מרגלית שאַיאַ** מיט אדוו. אפל. **שמואל היידע.**
אברהם קרזעפיצקי און פאמיליע, יעקב אנקלעוויטש און פאמיליע.

את חברנו הנכבד מר יוסף שאיא ורעיתו לרגלי חתונת בתם
מרגלית עם עורך דין **שמואל היידע** הננו שולחים את ברכתנו הלבביות.
פנחס גרשונוביץ ורעיתו, מאָטעק זיידלער ורעיתו.

מיין ברודער און שוועסטער צו דער חתונה פון זייערע
קינדער **מרגלית** און **סאַמועל** פיעל נחת ווינשט
בער שאיא און פאמיליע.

את ידידנו החשוב מר **יוסף שאיא**
לחתונתו של **בתו** רוב ברכה והצלחה מברכים
אלי׳ קאָרן ורעיתו, יודל רינג ורעיתו.

ה׳ יוסף שאיא און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער
פרל. מרגלית מיט אדוו. אפל. סאַמועל היידע ווינשען מזל טוב
עוזר אויבערבוים ורעיתו.

דאַנקזאַגונג.

די אַלע געעהרטע שפענדער לטובת אונזער פסח אקציע, וועלכע האבען מיטגעהאָלפען אונזער אינסטיטוציע צו שטיצען אויף יום-טוב אייניגע הונדערט פאמיליעס דריקען מיר אויס אונזער וואַרימסטען דאַנק.

די פערוואַלטונג פון „בית לחם"
אין טשענסטאכאוו.

א גליקליכע רייזע
ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוועגערין **לאה ברודער** צו איהר אבפאהרען נאך **ארץ-ישראל.**
זאָלען מיר זוכה זיין צו הערען פון דיר און דיין פאמיליע בשורות טובות.
שלמה אָפמאַן, פרוי און קינדער.

ערקלערונג

דערמיט ערקלער איך עפענטליך, אז איך טרעט ארויס פון 2-טען יודישען שניידער-צעך און שליס זיך אָן אין האנדווערקער-פעראיין אין דער פוילישער רעפובליק פילסודסקי 17, איך רוף אלע ערליכע מיטגלידער פון 2-טען שניידער-צעך דאס זעלבע צו טהון.

אברהם פרידמאַן.

Petrzebna rutyoowana kucharka z praktyką w pensjonacie na szkolną kolonię letnią.
Zgłoszenia kierować należy do Komitetu Rodzicielskiego przy Gimnazjum Tow. Żyd. Szkół Średnich i Powszechnych w Częstochowie, Dąbrowskiego 7.

M. FAJGENBLATT
Pracownia ubiorów damskich i futer
CZĘSTOCHOWA, II ALEJA 18.
poleca Sz. Klijenteli swą wykwintną robotę
na sezon wiosenno-letni.
Paryskie modele. Pierwszorzędne wykonanie.
Ceny bardzo przystępne.

קאָמעדיאַנטען-טעאַטער אין פייערלעשער-זאַל
נאָר 2 גאַסטשפּילען
שבת ד. 17 און זונטאג ד. 18 אפריל 9 אָווענד
ווען דער פּאַיאַץ לאַכט
אין 3 אַקטען מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג.
סקעטשען, מאָנאָלאָגען, רעציטאַציעס, פאָלקס-לידער, טענץ, דועטען. אין עפּילאָג:
רעוויו-קאָנצערט „קאָמעדיאַנטען-פּאַראַדע"
בילעטען-פארפערקויף אין דרוק. פון ה׳ באָטשאן, פון 7 אָווענד, שבת פון 11 פריה אין טעאטער.

Grunt o dwu frontach
około 3-ch morgów w dobrym punkcie, nadający się pod budowę **do sprzedania.**
Zgłoszenia do redakcji, Aleja 6, dla Joti.

Z okazji 20-lecia istnienia firmy
I. Rząsiński, Częstochowa, Aleja 29
urządza
1917 — TANI — 1937
MIESIĄC JUBILEUSZOWY
w którym wszelkie towary sprowadzone na sezon nadchodzący w bogatym wyborze gatunków i kolorów sprzedawane będą
po rewelacyjnych cenach.
Przyjdź, a przekonasz się!

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פריינד **שלום בזשאָסקי**
און פאמיליע צוליעב׳ן טויט פון זייער פאטער
ז"ל **לייביש מאַנעלע** נ"ע
זייט געטרייסט!
פאַמיליע ב. האָפמאַן.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזער פריינד **שלום בזשאָסקי און פאמיליע**
צוליעב׳ן טויט פון זייער פאטער
לייביש מאַנעלע נ"ע
בתוך שאר אבלי ציון תנוחמו.
מ. ד. לעווקאָוויטש, ח. פיטעל, ש. גאָלדרוס, א. קאָפינסקי,
א. וואָלסקי, ד. קושעפיצקי, י. שונדער, י. וואַרשאַווסקי,
ד. פיליפאָוויטש און ש. פראַנק.

אויף דער וואך!

מען טאר בשום אופן נישט פערמאכען די אויגען אויף די געשעהענישען, וועלכע ווערען פון טאג צו טאג אלץ בולטער אין אונזער ווירטשאפטליכען לעבען.

איבער גאנץ פוילען טראגט זיך דער אויסגעשריי: „קויפט נישט ביי יודען", „האט נישט קיין מגע ומשא מיט יודען", שליסט אויס יודען פון עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען". דער דאזיגער רוף בלייבט נישט בלויז אין דער לופטען, נאר פרעסט זיך איין וואס טיעפער אין אונזער פאלקס-ארגאניזם און זיין ווירקונג הויבען מיר אן איינציגווייז צו פיהלען.

מיר ווילען נישט איצט פאלעמיזירען מיט די יעניגע, וועלכע האבען זיך געשטעלט דעם הייליגען ציעל: לאבד ולהשמיד, און זיי אויפווייזען דעם אומזין פון דער דאזיגער טעאריע, דעם אונמאראלישען אונטערשלאג פון אזעלכע אויפגאבען, ווייל מענשען, וועלכע זענען בלינד און טויב צו מענשליכע עולות, קאן מען נישט איבערצייגען; ס'איז דעריבער געבליבען דאס איינציגע, צו קוקען דעם גרויל אין פנים און מיט דער זעלבער נאטירליכקייט, וואס „א ווארעם אונטער דער ערד קעמפט פאר זיין קיום", דארפען מיר, אלס א נאציע, קעמפען פאר דער דערהאלטונג פון אונזער קיום.

אונזער לאגע איז א שרעקליכע, מען רייסט נישט בלויז ארוים מיט געוואלד די קריסטליכע קונים פון די יודישע געוועלבער, פון די יודישע סטראגאנעס, נישט נאר בלויז מען נעמט אוועק ביי די יודישע צושטעלער זייערע לאנגיעהריגע פרנסות, נאר אויך די יודישע דאקטוירים האלט מען ביים אויסשליסען פון די אלגעמיינע פעראיינען.

אויב פאראיאהרען, למשל, האט מען נאך געקאנט דעם פרוב פון די היגע פוילישע סוחרים איינצוארדנען א פראפאגאנדע-וואך פון פוילישען סוחר (וואס דאס איז משמע—רופען עפענטליך צו באיקאטירען די יודישע סוחרים) אבשרייען, וועט עס אונז הייאהר ביי די פערהעלטניסען, אין וועלכע מיר לעבען, זיין שווער אויסצופועל'ן, און דאך טארען מיר נישט בלייבען דערצו גלייכגילטיג. פעדפאלען, אזוי איז עס, אין אזא לאגע געפונען מיר זיך, אין אזא צושטאנד לעבען מיר, און אראבלאזען די הענד וועט זיין נאך ערגער.

מען טאר נישט דערלאזען, אז דער יאוש זאל זיך אריינכאפען אין אונזער לעבען, עס דארף דעריבער זיין די אויפגאבע פון אונזערע פארשטעהער פון גאנצען כלל צו נעמען א שטעלונג צו דער דאזיגער לאגע.

קיינער קאן נישט קומען זאגען, אז איהם מיינט מען נישט. אלע, וואס געהערען צו דער יודישער נאציע, אהן אונטערשיד צו וואס פאר א שטאנד ער זאל נישט געהערען—צי ער איז א קליינהענדלער, א מארקשטעהער, אן ארבייטער אדער פאבריקאנט — איינער פריהער, דער צווייטער שפעטער, קענען פיהלען די פרוכטען פון דעם יעצטיגען שטורם.

זאל מען טאקי האפען, אז דאס וועט נישט מעהר זיין, ווי א פאראיבערגעהענדער שטורם; מען טאר זיך אבער נישט לאזען אראבשווענקען פון אויבערפלאך.

א שווערע ביטערע מרויריגע צייט לעבט איבער דער יודישער צבור אין פוילען און אט דער אינסטינקט פון זעלבסט דערהאלטונג צווינגט אונז, מעהר ווי אלעמאל צו שטעהן אויף דער וואך!

ש.

ענטשלאָסענער קאַמף מיט דער פרייזען-שטייגערונג

די רעגירונג האט פערעפענטליכט פאלגענדען אפיציעלען קאמוניקאט: אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער קאניונקטור-פערבעסערונג לאזט זיך בעמערקען זייט א געוויסער צייט א שטייגערונג פון פרייזען אויף א רייהע ארטיקלען.

די דאזיגע ערשיינונג קען אין איצטיגען צושטאנד פון אונזער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג פערשאפען נישט געוואונשענע רעזולטאטען פאר'ן אלגעמיינעם עקאנאמישען לעבען פון לאנד. דעריבער איז די רעגירונג ארויסגעטרעטען אויפ'ן וועג פון געגענשטעלען זיך דער פרייזען-שטייגערונג און האט בעשלאסען צו פיהרען אן'ענטשלאסענעם קאמף מיט יעדער ארט ערשיינונג פון שפעקולאציע.

די אקציע פון דער רעגירונג אויף דעם דאזיגען געביט בעשטעהט אין נאכקאנטראלירען די פרייזען-בעוועגונג און וועט פערהיטען און נישט דערלאזען צו קיין אונבעגרינדעטע שטייגערונג פון די פרייזען אויף בעזונדערע ארטיקלען פון סחורות.

לעצטענס האט דאס האנדעלס-מיניסטעריום אויך פונאנדערגעשיקט א צירקולאר צו אלע קארטעלען, צו די בראנזשען-פעראיינען און צו די האנדעלס-קאמערען, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען אויף דער נויטווענדיגקייט אקעגענצושטעלען זיך דער פרייזען-שטייגערונג אויף אינדוסטריע-ארטיקלען און אין פאלען ווען עס וועט פעסטגעשטעלט ווערען, אז מ'האט אויף א אונבערעכטיגטען אופן איינגעשרויפט די פרייזען וועט די רעגירונג ציהען די געהעריגע קאנסעקווענצן.

וואס שייך די קארטעלען-סחורות וואס זענען שוין ביז איצט טייערער געווארען, וועט דאס האנדעלס מיניסטעריום אויספארשען צי די דאזיגע פרייזען זענען סטאבילזירט געווארען אויף אזא הויך וואס איז ווירטשאפטליך בערעכטיגט, גלייכצייטיג וועט ארגאניזירט ווערען א קאנטראל איבער'ן האנדעל מיט'ן צוועק צו בעשטראפען פאר שפעקולאטיווע טראנזאקציעס.

דאס ווערט געזאגט אין אפיציעלען רעגירונגס קאמוניקאט, ווי מען זעהט האט די רעגירונג בעשלאסען צו פיהרען א דעצידירענדען קאמף געגען דעם יקרות, און וועט ווי אמשטרענגסטען בעשטראפען פאר הויבען די פרייזען אויף אזא הויך, וועלכע איז ווירטשאפטליך און לויט דער קאלקולאציע נישט בערעכטיגט.

די שטעלונג פון דער רעגירונג אין דער דאזיגער פראגע איז די איינציג ריכטיגע, ווייל די אונבערעכטיגטע שטייגערונג פון סחורות קען ברענגען נישט נאר צו נישט געוואונשענע עקאנאמישע רעזולטאטען. נאר קען אויך ברענגען צו וואלוטע וואקלענישען, צו וועלכע ט'טאר איצט נישט דערלאזט ווערען.

נישט נאר אין פוילען האט מען אנגעהויבען דעם קאמף מיט דער נישט בערעכטיגטער פרייזען-שטייגערונג, נאר אויך אין אנדערע אייראפעאישע לענדער ווי אויך אין אמעריקא.

די אמעריקאנער צייטונגען שרייבען, אז די אמעריקאנער רעגירונג איז אין דער מיינונג, דאס די פרייזען פון אלע סחורות, פראדוקטען און וויה-שטאפען זענען שוין גענוג געשטיגען און א וייטערדיגע שטייגערונג וואלט געווען זעהר געפעהרליך, מען מוז דעריבער זעהען, אז די סחורות זאלען נישט מעהר טייערער ווערען.

די ענגלישע און פראנצויזישע פאכלייט ווייזען אן, אז דער קאמף מיט דער פרייזען-שטייגערונג וועט מוזען דערפיהרען צו גוטע רעזולטאטען, יעדענפאלס איז מען אומעטום צוגעטרעטען צו דעם דאזיגען קאמף, וועלכער האט א גרויסע בעדייטונג פאר'ן ווירטשאפטליכען לעבען.

אין פוילען איז די רעגירונג נישט אבגעקומען בלויז מיט ווערטער, נאר די דאזיגע אקציע געהט פאראויס בעגלייט מיט מעשים, דאס שליסען א רייה קארטעלען וואס איז פארגעקומען מיט עטליכע טעג צוריק האט אויך אן'ענגען שייכות מיט'ן קאמף געגען יקרות, וועלכער ווערט געפיהרט מיט דער גאנצער שטרענגקייט.

פרייזען-שטייגערונג — מודעות

די אלע, וועלכע האבען אנטיילגענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען פאטער און שוויגערפאטער

נ"ע

יהודה מנחם הכהן בושאסקי

וועלכע איז פארגעקומען נעכטען, דאנערשטאג, ד'עם 15 קוויעטשען 1937 י. (ד' אייר ת"רצ"ז) דריקען אויס דעם איניגסטען דאנק

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

זיהן. טעכטער, איידעמס, שנירען און אייניקלעך.

מיר נעמען אנטייל אינ'ם צער פון אונזער חשוב'ן שטענדיגען מתפלל ה' **שלום בושאסקי** צוליעב'ן טויט פון זיין פאטער

נ"ע לייביש מאנעלע הכהן

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

די גבאים און מתפללים פון דער שטארט-שוהל.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער טעטיגען מיטגליד פון דער געז. „תומכי עניים" ה' **שלום בושאסקי** צוליעב'ן טויט פון זיין אונפערגעסליכען פאטער

נ"ע יהודה מנחם הכהן

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים,

די פערוואלטונג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער **פאמיליע גאלדבערג אין ראדאמסק** צוליעב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען מאן, פאטער און שוויגערפאטער

ר' מרדכי ז"ל גאלדבערג

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

חיה שטייניץ
יצחק שטייניץ און פרוי
ראובן שטייניץ און פרוי

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע פריינד ה' **שלום בושאסקי** און פרוי צוליעב'ן טויט פון זייער ליעבען פאטער און שוויגערפאטער

נ"ע יהודה מנחם

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דוד גאלדבערג און פרוי.

דער פאמיליע **בושאסקי** צוליעב'ן טויט פון זייער פאטער

נ"ע **לייביש מאנעלע**

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל!

פירמא **ד. שמולעוויטש און שותפים.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע שעפען, דער

פאמיליע הירשבערג

צוליעב'ן טויט פון זייער הייסגעליבטע פרוי און מוטער

נ"ע **אסתר**

זייט געטרייסט!

עקספעדיענטען און ביורא-פערסאנאל
פון דער פירמע **„עקספרעס"—הירשבערג.**

„בלע"...

קליינער פעליעטאן

— איהר הערט, איך האב א טייערווארט אויף א פעליעטאן-טיטול. אט מיט אזא לשון איז אריין צו מיר מיין שכן גרונם פלטיאל.

— וואס פאר א ווארט, וואס פאר א טיטול — בין איך נייגעריג. מיין שכן ווארט אבער נישט לאנג און פלאצט באלד ארויס: „בלע"!

— וואס פאר א בלע — פערשטעה איך נישט, וואס ער רעדט צו מיר; מיט וואס עסט מען דאס, אויף וואס פאר א טעלער גיט מען דאס אויף? וועלכעס פאלק רעדט דאס מיט אזא לשון?

דאס איז א ווארט — רופט זיך אן מיין שכן — וואס ווערט בענוצט דורך די ענגליש-רעדענדע פעלקער, און א מעלה האט דאס ווארט, וואס אט די דריי אותיות „בלע", דריקט אויס דאס, וואס די גאנצע וועלט, אלע פעלקער פיהלען יעצט. מיט איין ווארט — ציהט ווייטער מיין שכן — „בלע" איז אויף פראסט יודיש דאס, וואס מיר רופען אן: פאסקודנע. אט, למשל, ווען דו זעהסט א זאך, וואס עקעלט דיך, עס שלאגט דיר צו צום האלז, עס ווערט דיר ענג, דו ווילסט דערויף אויסדריקען דיין פעראכטונג, נאר דו ווייסט נישט אויף וואס פאר א אופן מען מאכט עס, זאגסטו דאס ווארט: „בלע", און אלע ווייסען דיין מיינונג, וואס דו האסט וועגען דעם דאזיגען ענין.

— פון וואנען קאנט איהר ענגליש — שטעל איך אויס א פאר אויגען אויף מיין שכן — ווארום, ווי איך ווייס, זענט איהר נישט אזוי שוה-בשוה מיט קיין פרעמדע שפראכען; ווער שמועסט מיט די ענגלענדער, זענט איהר דאך אודאי ברוגז, פון וואנען האט זיך צו אייך גענומען דאס ווארט — ווי הייסט דאס, האב איך דערוויל פערגעסען, ווי מען זאגט עס.

— „בלע" — לאכט מיין שכן — א טייער ווארט זאג איך אייך און געהערט האב איך דאס נישט אין ענגלאנד, וואו מיין פוס איז נאך קיינמאל נישט געווען, נאר אין יודישען טעאטער דורך דעם פיעטרקאווער געבוירענעם אמעריקאנער בירגער דזשעק רעכטצייט, וועלכער האט געזינגען א לידעל אונטער'ן נאמען: „בלע" און דאס לידעל איז מיר אזוי געפעלען געווארען, אז איך האב בעשלאסען עס אייך אוועקצוגעבען, איהר זאלט אונטער דעם קעפיל מאכען א פעליעטאן.

— גיט א קוק — זאגט ווייטער מיין שכן—וועט איהר זעהן, אז וואו איהר קעהרט זיך און ווענדט זיך, וועט איהר מוזען קומען צום אויספיהר, אז עס איז „בלע". די גאנצע וועלט, אלע איהרע מעשים, סיי אין דער פאליטיק, סיי אין דער ווירטשאפט, ווי אויך בין אדם לחברו, אלץ און אומעטום איז „בלע"—פאסקודנע.

זאל מען אנהויבען טאקי ביי די ענגלענדער, וועלכע האבען ארויסגעגעבען די בעריהמטע באלפור-דעקלאראציע פאר'ן יודישען פאלק. דאכט זיך, אז קיין גלייכערע זאך וואלט שוין אויף דער וועלט נישט געקענט זיין. לעבט א פאלק אזויפיל צייטען נע-ונד און גראד א פעהיג פאלק, און די פעלקער, צווישען וועלכע יודען וואוינען, טיילען זיי אויס צרות צרורות, איז דאך שוין די העכסטע צייט, אז אויך דאס 17-מיליאניגע יודישע פאלק זאל בעקומען ענדליך א שטיקעל היים, פיהרען אבער די ענגלענדער אזא פאליטיק, אז עס געהט זיך אן א חלשות. די באלפור-דעקלאראציע איז טאקי נישט מעהר ווי א דעקלאראציע און די פאליטיק פון די ענגלענדער געהט גאר אויף דער ליניע פון די אראבער. אויב דאס איז נאך וועניג, ווילען די ענגלענדער איצט מאכען א תל פון די גרויסע יודישע האפנונגען און געהען צוטיילען ארץ ישראל אויף קאנטאנען; אין בעסטען פאל, וועט מען פאר דער יודישער מלוכה צוטיילען א שטאדט מיט א דארף און פערטיג. ווילט זיך צוגעהן אט צו די ענגלישע מלוכה-מענער און זיי אריינשרייען מיט'ן גאנצען כח, דאס זייער פיהרונג געגען דעם יודישען פאלק איז — „בלע".

אין שפאניען קומט פאר כמעט א יאהר א ברידער-מלחמה. דער גענעראל פראנקא, אונטערגעשטיצט פון אזעלכע צוויי העכט, ווי מוסאליני און היטלער, איז געווען זיכער אין זיין נצחון איבער דער לעגאלער שפאנישער רעגירונג. די אויפשטענדער האבען שוין טרומייטערט וועגען נצחונות און זאגאר בעשטימט דעם טערמין, ווען מאדריד וועט פאלען. דערווייל האט זיך דאס רעדעל איבערגעדרעהט, און דאס רעגירונגס-מיליטער יאגט די פאשיסטישע חיילות עד חרמה, דער פאשיסטישער חב"ה ווערט ענג אין שפאניען, עס איז מיט זיי „בלע".

די יודען אין פוילען זענען מיט איינמאל געווארען א פרעמדער עלעמענט און ס'האט זיך אנגעהויבען א כוואליע פון שנאה און האס, און נישט בלויז די ענדעקעס טרייבען זייער ווילדע העצע נאר אפילו די יעניגע, וועלכע זענען ביז איצט אנגעגאנגען אלס יודען פריינד, האבען אויסגעדרעהט דעם דישעל און שרייען מיט אין כאר: „הורא נא זשידוב". וואס דארפט איהר מעהר—אפילו דער אימשטיינסגעזאגט סאציאליסט בארסקי (מהרסיך ומחריביך ממך יצאו...) האט זיך אויך צולאזט מיט זיין צעכראסטעטער שטימע און שרייט: „ארויס מיט די יודען", אזוי אז אונז ווערט ענג, חלשות'דיג, עס איז „בלע".

ווערסטו בעפאלען אין גאס פון כוליגאנעס, טארסטו נישט אויפהויבען קיין געוואלד, נאר שנעל ענטלויפען, ווארום אט האט געטראפען אין ווילנע א מעשה, אז כוליגאנעס זענען בעפאלען א יודען און איהם צעבלוטיגט, האט דאך דער יוד געמאכט א געשריי און געמאלדען דער פאליציי. האבען אבער די שלעגער דערצעהלט, אז דער יוד האט בעליידיגט דאס פוילישע פאלק, און דער יוד האט געכאפט 5 חדשים תפיסה. נו, איז נישט גלייכער, ווען מען כאפט אריין די קלעפ, צו מאכען א שוויג און ענטלויפען, ווארום טאמער ווילסטו זיין א וואוילער יונג און זיך אקעגען שטעלען, וועט זיין „בלע".

צווישען אונזערע יודען אליין, מיינסטו, איז בעסער? דאכט זיך, אז אין אזא צייט, ווען מיר זענען ארומגערינגעלט מיט שונאים, האט דאך געדארפט הערשען ביי אונז אחדות, אלע האבען מיר געדארפט זיך צוזאמענקומען און טראכטען: מה לעשות? זענען אבער פערהאנען אזעלכע פאסקודניאקעס, וועלכע ווילען נישט פערשטעהן אין וואס פאר א לאגע מיר געפינען זיך, און זיי שטעלען העכער זייערע פערזענליכע אמביציעס פון די כלל ישראל אינטערעסען. אויך ביי אונז אין אונזער מחנה איז דעריבער „בלע".

איבריגענס—זאגט ווייטער מיין שכן —וואס דארפט איהר אויסהערען פרטים, אז מען קאן יוצא זיין מיט „כל הנערים". אויף אלע געביעטען, אויף אלע פראנטען, איז ביטער; די גאנצע וועלט געפינט זיך אין א קלעם, אמייסטען אבער ליידען מיר יודען, ביי אונז איז גאר „בלע".

ווען מיין שכן איז אוועק, האב איך אריינגעטראכט אין זיינע ווערטער און כ'האב זיך דערמאנט, אז איך האב איינגעצאהלט די לעצטע צעהן גילדען אויף דער לאטעריע, מיט דער האפנונג, אז כ'וועל געווינען. און ווען היינט פרייטאג, דעם לעצטען טאג פון דער ציהונג, האט זיך ארויסגעוויזען, אז כ'האב פערשפיעלט די 10 זלאטעס צוזאמען מיט דער לעצטער האפנונג, איז מיר געווארען, נישט פאר אייך געדאכט, „בלע"...

סמאל

י. ל. פויגעל

ליבעראליזם אדער טאטאליזם

(אויפ'ן מארגינעס פון דער קאץ-דעקלאראציע)

II.

„יעדער מענש ווערט געבוירען פריי און אלס אזעלכער דארף ער בלייבען" —מיט דער דאזיגער לאזונג זענען די ליבעראלען ארויס אין קאמף פאר א נייער פאליטישער ארדנונג.

אבער נישט בלויז דאס פאליטישע לעבען האבען די ליבעראלען געשטורמט, זיי האבען גלייכצייטיג אויך פערביסען אטאקירט די פראטעקציאנעלע, ווירט-שאפטליכע באסטיליע. דא איז די לא-זונג פון די ליבעראלען געוועזען „לעסע פאסע, לעסע פער" („לאזט געהן, לאזט טהוען"). דער מלוכה'שער איינגערענץ אין דער פריוואטער ווירט-שאפט, וועלכע קומט צום אויסדרוק אין צאל-פראטעקציאניזם, אין עטאטי-זירען פערשידענע ווירטשאפטס-צוויי-גען, אינ'ם איינפאסען דאס ברויזענדע, פולסירענדע ווירטשאפטליכע לעבען אין די ענגע, שטייפע ראהמען פון מלוכה-געזעץ, האבען די ליבעראלען אקע-גענגעשטעלט א ווירטשאפטליכע אר-דנונג, באזירט בלויז אויף פרייער קאנקורענץ, וואו יעדער יחיד בעוועגט זיך פולשטענדיג פריי, אבער דעסטא מעהר מוז ער האנדלען מיט דער גרעסטער פארזיכטיגקייט, אויב ער וויל נישט אינ'ם דאזיגען פרייען וועט-לויף ברעכען האלז און נאקען.

ס'וואלט אבער געוועזען א טעות צו מיינען, אז די דאזיגע ביידע, אין פלוג גלייך קלינגענדע לאזונגען—די פאליטישע און די עקאנאמישע—דעקען זיך אין זייער אידעאישער בעגרינדונג. די אונטערשידען צווישען זיי ביידען זענען נישט בלויז וועזענטליכע, נאר זאגאר גרונדזעצליכע און פרינציפיעלע.

דער עקאנאמישער ליבעראליזם איז נישט בעהויכט פון א ספעציעלען גלוי-בען אין די סאציאל-געזעלשאפטליכע נייגונגען פון יחיד, ער געהט לגמרי נישט ארויס פון דער הנחה, אז די שטויס-קראפט צו דער עקאנאמישער טעטיגקייט פון יחיד זענען נישט בלויז עגאאיסטישע אימפולסען, נאר צוגלייך דערמיט אויך מאטיווען פון אלגעמיי-נער, סאציאלער נאטור און, אז צוליב דעם מעג די געזעלשאפט שענקען דעם יחיד צוטרוי—און אלס פועל-יוצא דער-פון – וויטגעהענדע פרייהייטאין זיין ווירטשאפטליכער טעטיגקייט, ווייל ער האט אין איהר אין זינען אויך די טובה פון כלל און וועט נישט טהון גאר צום שאדען פון דער געזעלשאפט. פון די דאזיגע איבערגלויבענס איז דער עקאנאמישער ליבעראליזם אינ-גאנצען פריי. צוגלייך מיט די אנהענ-גער פון א וויטגעהענדער מלוכה'שער איינגערענץ אין ווירטשאפטליכען לעבען, האלט אויך דער ליבעראליזם, אז דער יחיד איז אין זיין ווירטשאפטליכער טעטיגקייט אויסען איינציג און אליין זיין אייגענעם וואויל און ער וועט זיך גארנישט קימערען, אויב זיין דאזיגער פערזענליכער וואויל וועט נאך זיך נאכציהען דעם שאדען פון כלל. ער האלט אבער גלייכצייטיג, אז טאקי ווירקענדיג פאר זיין אייגענער טובה וועגען און ארבייטענדיג אין אנ'אומ-מאספער פון אונבעגרעניצטער פרייהייט, אבער גלייכצייטיג פון אונבעגרעניצטער קאנקורענץ, ווערט אויטאמאטיש דער-גרייכט די טובה פון כלל, ווייל דער וואקסענדער חשק צו וואס גרעסערע רווחים פאר זיך, ווערט געצוימט דורך עהנליכען, אנאלאגישען חשק פון אנ-דערע מענשען, מיט איין ווארט דורך דער פרייער קאנקורענץ. דער עקא-נאמישער ליבעראליזם זאגט לגמרי נישט, אז די דאזיגע געגענזייטיגע, פרייהייטען פיהרען נישט צו קיין צו-זאמענשטויסען, ער האלט נאר, אז די דאזיגע צוזאמענשטויסען זענען פון כלל-שטאנדפונקט נישט נאר אונשעד-ליך, נאר אפילו נוצליך און געוואונ-שען. ער מיינט נישט ביי אזא ווייט-געהענדער בעוועגונגס-פרייהייט אויס-צומיידען דעם צושטאנד פון „בעללום אמניום קאנטרא אמנעס" (א מלחמה פון אלע געגען אלע), ער האלט דא-געגען, אז דער דאזיגער צושטאנד איז אין דער עקאנאמיק אנ'אידעאלער און ברכה-ברענגענדער. אויב דער ליבע-ראליזם אין דער עקאנאמיק איז בע-הויכט פון א וואסער ס'זאל נישט זיין גלויבען, איז עס נישט דער גלויבען אין מענש, אין זיין עטיש-געזעלשאפ-טליכען ניווא, נאר דער גלויבען אין דער פרעציזקייט פון דער עקא-נאמישער מאשין, אין דער אונפערשי-טערליכקייט פון די אייזערנע עקאנא-מישע געזעצען, וועלכע פונקציאנירען מיט דער גענויקייט און פונקטליכקייט פון אנ'אויטאמאט. עס איז דער אלטער רוימישער גלויבען, אז: „לעגעס נאטורע קאנסטאנטע סונט" (די געזעצען פון דער נאטור זענען אייביג).

גאנץ אנדערש איז די לאגע אין פא-ליטישען ליבעראליזם. דא בעטראכט קיינער נישט דעם צושטאנד פון „בעל-לום אמניום קאנטרא אמנעס" פאר אנ'-אידעאל. דא קען באין אופן נישט די אונבעגרעניצטע פרייהייט פון איינעם געצוימט ווערען דורך דערזעלבער אונבעגרעניצטער פרייהייט פון אנדערע, דא אויב ס'קומט צו א צוזאמענשטויס צווישען אזעלכע געגענזייטיגע אונבע-גרעניצטע פרייהייטען, זענען זיינע פאלגען פאטאלע. דא אויב ס'קומט בכלל צום אויסגיכען ווערט שטענדיג „צו-גלייך מיט'ן באד אויך אויסגעגאסען דאס קינד".

אויב ס'איז דאך פארהאן א מעג-ליכקייט אויך דא ארויסצופירען לא-זונגען פון א וויטגעהענדער פרייהייט פאר'ן יחיד, עגזיסטירט די דאזיגע

מאשינאווע העלדען

פון לעא קעניג

קאן מען פאבריצירען העלדען? איינע פון די טויזענד און איין לעק-ציע, וואס אייראפא לערנט אונז פון דער שפאנישער קריג איז, אז מען קען א פנים קיין העלדען נישט פאב-ריצירען; אז מאשינאווע העלדען זענען קיין העלדען נישט. מוסאליני'ס פא-שיסטישע סאלדאטען אין שפאניען אנ-טלויפען. זיי שלאגען זיך נישט ווי די לייבען; זיי ווארפען זיך נישט אין פייער מיט א לויב געזאנג צום גאט פון קריג, ווי זייער גרויסער דיקטא-טאר האט זיי יאהרען-לאנג געלערנט צו טהון.

די איטאליענישע זעלנער פון מו-סאליני'ס חדר זענען נאך אלעמען פונקט ווי אלע מענשען—זיי האבען ליעב דאס לעבען און ווילען נישט גע'הרג'עט ווערען אומזיסט און אום-נישט. די פאשיסטישע סאלדאטען זע-נען גארנישט העלדישער ווי די זעלנער פון די אזוי גערופענע דעמאקראטישע ארמעען: די גאנצע פאשיסטישע אויפ-געבלאזענע גלאריע פון קריג און פון „מענליכער העלדישקייט" פלאצט ווי א זייפען-בלאז ווען זיי געפינען זיך פנים אל פנים מיט טענקס, מיט א טיכטיגען ווידערשטאנד.

און זיי אנטלויפען אויף וואס די וועלט שטעהט.

יאהרען לאנג—שוין אכצען יאהר—ווי מוסאליני מושטירט די איטאליענישע יוגענד, בלאזט זיי אן מיט די געוויסע טראסקענדיגע פראזען וועגען דער גלאריע פון קריג, וועגען שלום מיט באיאנעטען, וועגען א נייער רוימישער אימפעריע און וועגען דער „מיתת נשיקה", וואס אנ'אמת'ער מאן פיהלט ווען ער ווערט דער'הרגט אויף א שלאכט-פעלד.

גאנץ אייראפע, און בעזונדער די דעמאקראטישע אייראפא, וועלכע האט געשטיצט און קאקעטירט מיט'ן פא-שיזם אויף פערשידענע אופנים האט שוין אנגעהויבען קוקען אויף מוסאלי-ני'ס לעגיאנען ווי אויף לעגיאנען פון העלדען.

און דא איצט, ווייזט זיך גאר ארויס, אז די „העלדען" זענען גאר פשוט'ע גוטע און וואוילע מענשען, וואס הא-בען ליב דאס לעבען, און בענקען נאך זייערע אקער-אייזענס, זייערע פאמיל-יעס אין זענען גא-נישט אזוי פאר-ליבט אין א העלדישען טויט.

זיי ענטלויפען פאר די שטארקערע כוחות. ווי נאר די שפאנישע מיליציע האט אנגעהויבען ווייזען כח, האבען די פאשיסטישע העלדען גענומען צוריק-טרעטען אין גרויס איילעניש.

אמת, אין אביסיניען האבען מוסא-ליני'ס פאשיסטישע לעגיאנען בעוויזען גרויס העלדישקייט און האבען דארט געהאט א „גלירי-רייכען" זיג. אבער... די האלב-ווילדע אביסיניען האט דאך קיין ארמעע נישט געהאט, און קיין געווערן נישט, און פאר די פאשיס-טישע לעגיאנען מיט זייער גאנצע מאדערנער מיליטאריסטישער טעכניק איז לייכט געווען די אביסיניער צו בעזיגען.

ווי נאר אבער אט די פאשיסטישע העלדען האבען דערשמעקט אמת'ן פולווער אין שפאניען, זענען זיי אויס העלדען געווארען. די „אביסינישע לייבען" פון איטאליען זענען אין שפא-ניען פערוואנדעלט געווארען אין לע-מעלעך.

מען קאן נישט לייקענען: די דע-מאקראטישע אייראפעאישע מלוכות הא-בען אין די לעצטע פאר יאהר אנגע-הויבען אביסעל מורא האבען פאר די גייע מעכטיגע פאשיסטישע ארמעען. א געוויסע נערוועזיטעט האט זיך אויפ-געוועקט אין אייראפא: ס'מייטש, זעהט מוסאליני'ס דיסציפלינירטע פאשיסטישע יוגענד, ווי זי איז גרייט אריינצוווא-פען זיך אין א מלחמה.

און אז מוסאליני האט עס געקענט אויפטהון מיט די זינגענדיגע און שלום פערליבטע איטאליענער, טא וואס וועט דער נאך מעהר פאנאטישער היטלער נישט אויפטהון מיט די פול "דיסציפלי-נירטע און טיכטיגערע דייטשע מאסען.

„זייערע פעלקער האבען זיי אין העלדישע דיסציפלינירטע ארמעען פער-וואנדעלט, און זיי זענען גרייט אלעס צו טהון וואס זייערע „פיהרער" ווע-לען זיי הייסען".

אזוי האט מען אנגעהויבען גלויבען אין די דעמאקראטישע לענדער, און מיט דעם גלויבען איז געוואקסען זיי-ער נערוועאישקייט. און צוליב דעם טאקי האט זיך אין דער דעמאקראטי-שער אייראפא אויפגעהויבען אזא פי-בערהאפטע בעוועגונג וואס גיכער זיך אויסצוגלייכען מיט דער פאשיסטישער יוגענד, וועלכע איז געזונד און שטארק און אנגעפאנצערט מיט דעם גייסט פון העלדענטום.

און צום סוף ווייזט זיך איצט ארויס אין שפאניען, אז די פאשיסטישע מא-שינאווע העלדען זענען ווייט נישט העלדישער פון די דעמאקראטישע מי-ליציע-לייט. און אז זיי ענטלויפען נאך געשווינדער ווי די פערהאסטע דעמא-קראטישע ארבייטער, וועלכע האבען זיך ערשט געכאפט צו דער ביקס און זענען נאר דילעטאנטישע זעלנער. און אייראפא כאפט זיך איצט אויף צו נאך אנ'אמת: העלדען קאן מען נישט פאב-ריצירען און אפילו נישט אין די פא-שיסטישע מלוכות.

די פאשיסטישע יוגענד איז זעהר העלדיש. אין דער היים הויבען די הענד און שרייען הורא קענען זיי אויף וואס די וועלט שטעהט. ס'איז זעהר העלדיש ארומצומושטירען אין א ברוי-נער צי שווארצער העמד; און שפילען זיך אין זעלנער און גענעראלען האט ליעב די יוגענד אין אלע לענדער.

א געשלעג מיט די היימישע קאמו-ניסטען איז אי א ספארט, אי א העל-דישקייט. בעליידיגען יודען, צי אפילו א פאגראמטשיק אויף יודען איז אויך א העלדישקייט, וואס קאן לייכט דורכ-געפיהרט ווערען, ווער שמועסט ווען מען קומט באלד דערנאך אהיים צו די שטאלצע פאטריאטישע מיטעל-קלאס עלטערען און מען קריגט נאך א מע-דאל פאר דער העלדישקייט פון דעם „פיהרער".

אבער אט די פאשיסטישע אנגעבלא-זענע הורא-העלדישקייט ווערט אזוי גיך פערשוואונדען, ווען זי בעגעגענט זיך מיט טאנקס, און מיט נאך און מעהר טאנקס און פלאצענדיגע באמבעס. דאן לויפען זיי ווי אלע פשוט'ע און דעמא-קראטישע זעלנער. און אפשר נאך גי-כער, ווייל אגרעסיווע אנגעבלאזענע „גלארי", איז נישט אזוי ממשות'דיג ווי ברויט און פרייהייט, מענשען זאלען זיך פאר איהר מוסר נפש זיין.

אייראפא האט לעצטענס אנגעהויבען גלויבען, אז די פאשיסטישע דיקטא-טארען קענען מיט זייער כשיף פאבריצי-רען מאסען העלדענטום. און די דעמא-קראטישע מלוכות האבען דערפאר אלץ מעהר און מעהר נאכגעגעבען די דיק-טאטארען.

אין שפאניען פלאצט איצט אויך די פאלשע אילוזיע: פאשיסטישע זעלנער קענען נאך גיכער ענטלויפען פון אמת'-ער געפאהר ווי די פשוט'ע דעמאקרא-טישע זעלנער.

שרייען הורא, מארשירען העלדיש אין די פרידליכע גאסען, זענען זיי גרויסע בריות. אבער ווען עס קומט צו אמת'ער געפאהר – קענען זיי אזוי העלדיש ענטלויפען. ווען אבער, און אין וואס פאר א טראגישע און קאטאס-טראפאלע אומשטענדען, וועלען עס איינזעהען זייערע דיקטאטארען – אט די אמביציע העלדען פאבריקאנטען?

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זיי זענען נישט קיין אנטיסעמיטען...

שוין א לענגערע צייט ווערט אין היגען דאקטוירים פעראיין בעהאנדעלט דער אריער-פאראגראף. ביז איצט אבער איז זיי נישט געלונגען דאס אדורכצו-פיהרען. וואס אמאל אבער ווערט דאס דאזיגע העסליכע געשפענסט אלץ רייפער און רייפער און אויף דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג פון די היגע דאקטוירים, וועלכע איז פארגעקומען פרייטאג-צו-נאכטס האט מען שוין וועגען דעם גערעדט קלארע דבורים.

די אנרעגונג וועגען אויסשליסען יו-דישע דאקטוירים פון פעראיין האט גע-געבען, ווי בעוואוסט, דער דאקטוירים-פערבאנד פון פאמאזשע און פון דא-מאלט אן קאנען זיך די היגע ארישע דאקטוירים נישט בערוהיגען.

אויף דער לעצטער פערזאמלונג הא-בען זיי אראבגעבראכט 2 גדולים, דע-רונטער איינעם בודזינסקי, א ברודער פון דעם צורר היהודים דעפוטאט, וועל-כע האבען אויף דער אויבענדערמאנ-טער פערזאמלונג אויסגעפאקט זייער גאנצע ענדעקישע תורה, וואס א קינד קאן זי שוין פון אויסענווייניג.

טשעקאווע איז אבער דאס, וואס אונזערע היגע בעקאנטע דאקטוירים, וועלכע האבען גרויסע יודישע פראקטיק, וועלכע נעמען אזוי גערן די יודישע זלאטעס, זענען ארויס מיט'ן אמת'ן פרצוף און האבען געשיט פעך און שוועבעל אויפ'ן יודישען פאלק. דאס זענען די דאקטוירים יאבלאנסקי, באר-קאווסקי, שוועדאווסקי און ווער נישט. וואס דארפט איהר מעהר, אפילו אונ-זער בעקאנטער אלטיטשקער ד"ר מי-קולסקי האט אלס פארזיצער נישט גע-פונען פאר נויטיג צו רעאגירען מיט איין ווארט אויף די אלע העטליכע אנ-טיסעמיטישע פלאפלערייען.

אונזערע יודישע דאקטוירים, צווי-שען זיי אזעלכע, וועלכע האבען דאס גאנצע לעבען זייערס געפרעדיגט אסי-מילאציע, פערהערליכענדיג די פוילישע קולטור און שיטענדיג בלאטע אויף דער יודישער קולטור. דאקטוירים, וועלכע האבען זיך זייער גאנץ לעבען געהאלטען פאר טרייע פאלאקען, הא-בען הערענדיג אזעלכע ווערטער פון זייערע קאלעגען דאקטוירים, איבערגע-לעבט א שרעקליכע טראגעדיע. זיי הא-בען פשוט געוויינט מיט טרעהרען אויף דער ענטוישונג, וואס זיי האבען אי-בערגעלעבט, אויף זייער האפנונג, וואס איז צורינען געווארען.

ווי איהר זעהט, האלטען מיר נישט-קשה אין דער וועלט, אז מען קאן גארנישט וויסען ווער ס'זענען אונזערע גוטע פריינד און ווער ס'זענען אונזערע שונאים. אט הייסען אפילו רבייעס געהן צו דעם אדער צו יענעם דאק-טאר, דערווייל ווייזט זיך גאר ארויס, אז יענער דאקטאר איז אונז א דם שונא. צווישען דער חבריתא דאקטוי-רים, וועלכע האלטען, אז מען דארף מעהר נישט צולאזען קיין יודישע דאק-טוירים, זענען פערהאן ד"ר דזשוגבינ-סקי, ד"ר דיקעראווא און אנד.

כאראקטעריסטיש איז אבער א צוויי-טע ערשיינונג. די אלע דאקטוירים, וועלכע האבען געהאלטען די (נ)ארישע רעדעס האבען פון אנהויב ערקלערט, אז זיי זענען נישט חס ושלום קיין אנ-טיסעמיטען, פערקעהרט, זיי זענען גאר יודענפריינדליך, און טאקי אלס אונזע-רע פריינד, זאגען זיי אונז דעם אמת, אז – נאר אז זיי האבען מורא פאר דער יודישער קאנקורענץ, האבען זיי נישט אויסגעזאגט; בעסער וואלט גע-ווען, האלטען זיי, אז יודען זאלען זיך אינגאנצען נישט פערנעמען מיט מעדי-צין. פאקטיש אבער זענען זיי אונזערע גוטע פריינד, זיי זענען נישט חלילה קיין אנטיסעמיטען...

עונג שבת...

ווי בעוואוסט, קומט פאר יעדען שבת נאכמיטאג אין יודאאיסטישען אינ-סטיטוט ביי דער נייער שוהל אנ'עונג שבת, וועלכער בעשטעהט פון פאלגענ-דען פראגראם: א) א רעפעראט וועגען יודאאיסטיק אדער אויסטייטשונגען פון תורה אדער תלמוד און עהנליכעס, ב) יודישע פאלקס-לידער א. ד. גל.

דעם לעצטען שבת האט מיך דער גבאי פון דער שטאדט-שוהל ה' יצחק ניימאן צוגערעדט, אז איך זאל צוזא-מען מיט איהם בעזוכען אזא „עונג-שבת". דערוויסענדיג זיך, אז אויפ'ן „עונג - שבת" וועט געלערנט ווערען פרקי אבות, האב איך גערן מספים גע-ווען צו געהן הערען. פערמאגען דאך די פרקי-אבות די טייערסטע פערל פון אונזער אלטען אוצר, אזוי, אז אין דער איצטיגער צייט, ווען ארום אונז בושע-ווען בייזע רוחות, וועלכע פרעדיגען, אז מיר יודען זענען מינדערווערטיג, דארף מען זיך אבפרישען מיט די טיי-ערע אונשטערבליכע געדאנקען פון פרקי אבות און דערמיט ביי זיך שטארקען דעם בעוואוסטזיין, אז מיר זענען דאס פאלק פון וויסען און גאונות.

לײדער האב איך געהאט אנ'ענטוי-שונג. אנשטאט פרק האט דער פראקלא-מירטער רעדנער ר' שמואל גאלדשטיין גאר גערעדט וועגען פאליטישע ענינים. און אויב דאס איז וועניג, קאן איך אייך דערצעהלען, אז דער רעפערענט האט זיך גאר אבגערעכענט מיט זיינע פאליטישע געגנער און זיי געזידעלט און געשנידעלט, אזוי אז דער גאנצער עולם איז געבליבען פערשעמט, איבער-הויפט איז דער גאנצער „גייסטיגער רעפעראט" געהאלטען געווארען אין אזא טאן, אז מען האט געמיינט, אז ס'איז א מיטינג און נאכ'ן אבנודזיען דעם עולם א קנאפע שעה, האבען אלע ערשט פריי אבגעאטעמט.

דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז צום ערשטען מאל געווען אויף אזא „עונג שבת" האט נישט געקאנט איינ-זיצען און געבעטען אנ'אויפקלערונג. איך האב געוואלט וויסען צי אלע וואך שבת קומען פאר אזעלכע מאדנע משונה'דיגע רעפעראטען. אויב אזוי האב איך זיך געטראכט, דארף מען דאס נישט אנרופען עונג שבת, נאר „נגע שבת"... באלד אבער האט דער עולם בעקומען אנ'אויפקלערונג פון פראפ. ב. וויינבערג, אז זינט דער „עונג שבת" עגזיסטירט, איז אזעלכעס נאך נישט פארגעקומען; אלע רעדנער בעהאנדלען שטענדיג נאר די ענינים, וועלכע זענען אויפ'ן טאג-ארדנונג און ער אליין איז אויך פערחודשט אויף דער מאדנער בעציהונג פון היינ-טיגען רעדנער, וועלכער האט אנשטאט פרק, גאר גערעדט וועגען אנדערע זאכען, וואס איז בשום אופן נישט דער-

משה אש

טשענסטאכאווער פערזענליכקייטען.*)

I.

דער ערשטער טשענסטאכאווער רב ר' דוד יצחק ז"ל.

נאך דעם ווי די ניי-ענטשטאנענע אין יאהר תקנ"ה (1794) טשענסטאכאווער-קהלה האט זיך איינגעארדענט מיט א שוהל, מקוה, בית-הקברות אדג. האבען די ראשי-הקהלה אנגעהויבען צו טראכטען וועגען א גייסטיגען פיהרער און אין יאהר תרע"ב, (1812) אויפגענומען אלס רב הרב ר' דוד יצחק ז"ל.

ארב ר' דוד יצחק איז געווען א חבר פון לובלינער רבי זצ"ל און נוטה געווען צו חסידות, דאך אבער האט ער זיך אין ענין רבנות נישט ארויסגעוויזען אלס חסיד און הן אין נוסח, ווי אויך אין זמן-תפלה נוהג געווען כמנהג אשכנז.

צוליב דער מלחמה מיט נאפאלעאנען און די אונארדנונגען, וואס זענען אין יענער צייט פארגעקומען אין אייראפא, וועלכע האבען אויך נישט אויסגעמיטען אונזער שטאדט, האט דער רב ווייניג געקענט אויפטהון אין דער קהלה-ארגאניזירונג, דאך אבער, וואס עס איז מעגליך געווען, האט ער געשאפען.

אזוי האט ער א גרויסען אנטייל גענומען אין דער גרינדונג פון דער חברה „הכנסת כלה" אין יאהר תקע"ד 1814. צוליב זיין איינפלוס האט די קהלה ערלויבט די גרינדונג, פון דער חברה, וואס איז צו יענער צייט געווען איינע פון די בעדינגונגען פון דער מאכט, אהן וועלכער קיין חברה האט נישט געקענט געשאפען ווערען. אין דעם פנקס פון דער חברה וועלכער געפינט זיך צו היינטיגען טאג אין דער „הכנסת כלה", איז דא א צושריפט פון הרב ר' דוד יצחק ז"ל וועגען איהר ענטשטעהונג.

הרב ר' דוד יצחק האט זיך געווענדען צו די גדולה תורה פון לאנד מיט שאלות ותשובות וועגען פעסטשטעלען דעם נאמען פון דער קהלה: „טשענסטחוב" אדער „שענסטחוב", ווי אויך דעם נאמען פון טייך: „ווארטא" אדער „ווארט", בכדי צו קענען געבען א גט אין דער היגער שטאדט. אין ספר „ברית אברהם" פון פילצער רב ז"ל געפינט זיך א שו"ת וועגען דעם ענין פון פעסטשטעלען די אויבענדערמאנטע נעמען, וואס עגזיסטירען ביז'ן היינטיגען טאג און א דאנק וואס אין דער היגער שטאדט קען געגעבען ווערען א גט.

ליידער אבער האט דער רב געליטען דחקות. צוליב דער קליינער צאהל יודען איז די קהלה נישט געווען אימשטאנד אויסצוהאלטען דעם רב בדרך כבוד. די מעהרערע אזהרות פון רב צו די ראשי-הקהלה, אז אויב עס זאל ווייטער אזוי געהן, וועט ער געצווינגען זיין צו פערלאזען אונזער שטאדט, האבען נישט געהאלפען און אין יאהר תרע"ה (1818), ווען אין פיעטרקאוו איז נפטר געווארן איינער פון די דיינים, האט הרב ר' יצחק דוד איבערגעלאזט דאס טשענסטאכאווער רבנות און געווארען דיין און רב"ד אין פיעטרקאוו.

אין יאהר תקפ"ז (1827) איז הרב ר' דוד יצחק נפטר געווארען אין פיעטרקאוו און דארט געקומען צו קבורה. ערשט אין יאהר תרס"ו (1906) איז אין פיעטרקאוו געדרוקט געווארען א ספר אויף דרוש פון זעלבען רב אונטער'ן נאמען „בית דוד". צווישען אנדערע געפינען זיך דארט אויך די דרשות, וועלכע ער האט געהאלטען אין דער היגער שוהל.

*) מיר הויבען אן דרוקען א סעריע ארטיקלען וועגען טשענסטאכאווער יודישע פערזענליכקייטען וואס האבען אין משך פון דער ענטשטעהונג פון היגען יודישען ישוב ביז צו דער לעצטער צייט געשפילט א בעדייטענדע ראלע אין אונזער שטאדט.

אדוו. א. טרעפמאן

(פארזיצער פון צענטראלען שקל-קאמיטעט אין פוילען) *

אונזער מארש פאראויס

צוגלייך ווי אין אלע לענדער פון דער יודישער צושפרייטקייט האט זיך אין אלע שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען אנגעהויבען די גרויסע שקל-אקציע צום 20 טען ציוניסטישען קאנגרעס. לויט די ידיעות, וועלכע ווערען דערהאלטען פון אלע פונקטען אין לאנד שענקט די ציוניסטישע מחנה א בעזונדער אויפמערקזאמקייט די היייעהריגע שקל-אקציע און אומעטום ווערען מאביליזירט אלע כוחות פאר איהר ערפאלג. דאס ווייזט ווי ערנסט עס ווערט בעטראכט דורך אלע טיילען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע די היסטארישע בעדייטונג פון דער שקל-אקציע, וועלכע טראגט א מאביליזאציע כאראקטער. נאך חדשים פון שווערע און בלוטיגע אונרוהען אין ארץ-ישראל שטעהן מיר אין ערווארטונג פון זעהר וויכטיגע פאליטישע ענטשיידונגען, וועלכע דארפען קומען נאכ'ן בעריכט פון דער קעניגליכער קאמיסיע. די אלוועלטליכע ציוניסטישע בעוועגונג וועט אויף דעם קאנגרעס דארפען שטעלונג נעמען צו די עמפפעהלונגען פון דער קעניגליכער קאמיסיע און בעשליסען פאסען אין פראגען, וואס האבען א בעדייטונג פאר'ן ווייטערדיגען גורל פון אונזער אויפבוי - ווערק אין ארץ-ישראל. עס איז דעריבער קלאר, אז כדי צו קענען ערפילען בשלימות זיין היסטארישע שליחות מוז זיך דער קאנגרעס שטיצען אויף א גרויסען מאראלישען כח פון מיליאנען שוקלים, וועלכע ווען ליי דער מאסענהאפטער בעטייליגונג אין די וואהלען ברענגען צום אויסדרוק זייער אונערשיטערליכען ווילען און גרייטקייט צום קאמף פאר דער פערווירקליכונג פון ציוניסטישען אידעאל, פאר אונזערע רעכט אין און אויף ארץ-ישראל.

די נאהנטסטע אויפגאבע איז דעריבער – א דערפאלגרייכע אדורכפיהרונג פון דער שקל-אקציע, איהר רעזולטאט קען האבען בעדייטונג פאר די פאליטישע אויסווירקונגען כלפי-חוץ און קען שטארקען און צעמענטירען דער ארגאניזאציע אינערליך. דורך דער מאביליזאציע פון גרויסע מחנות שקל-צאהלער וועט געבראכט ווערען נאך דער אויסערליכער וועלט דער ליידענשאפטליכער בעגעהר פון יודישען פאלק צו בעפרייאונג און זעלבסטשטענדיגקייט. און אינערליך וועט עס זיין א תשובה די אלע ציון פיינד, אז די מאסען האבען פערבונדען זייער גורל מיט'ן ציוניזם און זענען גרייט מיטצוטראגען אלע לאסטען פאר דער יודישער בעפרייאונג. דער 20-טער קאנגרעס–דער יובל-קאנגרעס–דארף מיט זיך פארשטעלען א גרויסע מאניפעסטאציע פון דער יודישער בעפרייאונגס-בעוועגונג.

40 יאהר זענען פאריבער זינט עס איז פון דער טריבונע פון 1-טען ציוניסטישען קאנגרעס פונדאסניי פראקלאמירט געווארען די היסטארישע צוגעבונדעקייט פון יודישען פאלק צו ארץ-ישראל. פון דער היסטארישער פערספעקטיוו קענען מיר פעסטשטעלען דעם זיגענרייכען מארש פון ציוניזם און אז דער וועג, וואס דער פאליטישער ציוניזם האט אנגעצייכענט פיהרט צו פולער גאולה. און דערפאר, וואס מיר זענען ארויף אויפ'ן ברייטען שליאך פון נאציאנאלער ערלייזונג און ווידער אויפלעבונג ווערט אונזער פעראנטווארטליכקייט גרעסער.

אין אנבליק פון בעפארשטעהענדען קאמף דארפען מיר ענגער שליסען די רייהען און מיט געמיינזאמע כוחות שטארקען דער אלוועלטליכער ציוניסטישער ארגאניזאציע. זאל דער רוף פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו די פוילישע יודען בעקומען דעם געהעריגען אפקלאנג, זאל דער רוף דערגרייכען צו די ברייטסטע יודישע מאסען אין פוילען, וועלכע לעכצען נאך פרייהייט און גערעכטיגקייט! זאל דער שקל זיין דער סימבאל און צוגלייך דער קאנקרעטער אויסדרוק פון אונזער מארש פאראויס–צו אונזער ציעל!

* צוגעשיקט פון הויפט שקל-קאמיטעט אין פוילען.

טשעקאווע ידיעות

זאכען, וועלכע מיר ווייסען גארנישט

קינד און קייט רעדט היינט נור פון איין זאך: ענגלאנד. נישט נאר ווי אזוי ס'וועט אבגעהאלטען ווערען די קרוינונג, נור אויך איבער ענגלאנד גופא. ווי אזוי זעהט עס דארט אויס, ווי אזוי לעבט זיך עס אין ענגלאנד וכדומה?

ס'איז דעריבער כדאי צו בעשרייבען עטליכע טשעקאווע זאכען, טייל וואס כ'האב אליין מיטגעמאכט אויף מיינע נסיעות אין ענגלאנד און פייל וואס כ'האב אליין געהערט פון חשובע ענגלישע מענשען.

זענען מיר אמאל ווידער געזעסען ביי א פרעסע מיטינג און דאס גרויסע ווארט האט געפיהרט, ווי תמיד, דזאהן סטופס, דער רעדאקטאר פון דער לאנדאנער „טיימס". אודאי האט מען גערעדט איבער ענגלאנד און סטופס האט א פרעג געטהון, אויב עמיץ פון אונז ווייסט, וויפיעל איינוואוינער לאנדאן האט? אודאי האבען זיך געפונען עטליכע, וואס האבען געוואוסט אויף גענוי, לויט דער לעצטער פאלקס-צעהלונג: זיבען מיליאן 476 טויזענד 886 איינוואוינער.

מיסטער סטופס האט געשמייכעלט מיט יענעם שמייכעלע, וועלכעס ס'האבען אלע רעדאקטארען פון דער „טיימס", וואס ווייסען אלעס בעסער...

„איהר האט א טעות, לאנדאן האט אינגאנצען 9834 איינוואוינער. לאכט נישט, איך מיין נישט עפיס א שטעדטיל אין דער וועלט, וואס הייסט אויך לאנדאן, איך מיין טאקי די הויפט-שטאדט פון דער בריטישער אימפעריע: לאנדאן. אט די שטאדט צעהלט אינגאנצען 9834 איינוואוינער, האט היינטיגעס יאהר פערצייכענט 83 ניי-געבוירענע און 51 טויטע.

איהר מוזט וויסען, אז לאנדאן, דאס אמת'ע לאנדאן, איז בלויז די אינערע שטאדט, „די סיטי". אלעס אנדערע האט מען במשך פון א סך יאהרען צוגעטשעפעט צו לאנדאן. אבער די „סיטי" איז טאקי געבליבען די אייגענטליכע שטאדט מיט בעזונדערע געזעצען און מיט אנ'אייגענעם בירגערמייסטער, דעם „לארד-מעיאר". די גאנצע איבריגע שטאדט ווערט פערוואלטעט פון ראדניקעס. בלויז די 9834 איינוואוינער פון דער „סיטי" האבען א בירגערמייסטער, דעם איינציגען אין לאנדאן. אלע געזעצען זענען חל אויף דער „סיטי", ערשט ווען דער לארד-מעיאר האט זיי אונטערגעשריבען. די „סיטי" האט אנ'אייגענעם פערטרעטער אין פארלאמענט האטש זי האט אזוי ווייניג וועהלער. זי האט איהר אייגענע פאליציי און די פאליציי פון די אנדערע ענגלישע שטעדט אדער פון די אנדערע לאנדאנער טיילען, טאר דארט קיין דינסט נישט מאכען. זיי טארען זיך נישט אריינמישען אין ענינים פון די „סיטי-בירגער".

אמת איז, א גאנצען טאג זענען פערהאנען אין דער „סיטי", וואו די גרויסע געשעפטען און קאנטארען זענען אפען, ערך צוויי מיליאן מענשען און נאך מעהר, וואס קויפען און פערקויפען. מאכט מען אבער צו די געשעפטען און די קאנטארען, פאהרט אלעס ארויס פון „לאנדאן סיטי" און עס פערבלייבען דארט בלויז 9834 מענשען, וואס וואוינען דארט שטענדיג.

די גרויסע האלבארן-סטריט, איז אויף דער רעכטער זייט „לאנדאן" און אויף דער לינקער זייט געהערט זי צו דער „פארשטאדט". צעהן א זייגער אויף דערנאכט קען מען זעהן ווי טויזענדער מענשען געהען ארויס אויס די לאקאלען, וואס זענען פערהאנען אין דער האלבארן-סטריט אויף דער רעכטער זייט און געהן אריבער אין די רעסטוראנען און לאקאלען וואס ליגען אויף דער זעלבער גאס לינקס ווייל אין „לאנדאן" מוזען אלע לאקאלען און רעסטוראציעס צוגעמאכט ווערען צעהן א זייגער און אויסערהאלב לאנדאן מעג מען אפען האלטען אזוי לאנג ווי די פאליציי בעוויליגט.

דאס זעלבע קען מען זעהן זונטאג. אויף דער רעכטער זייט פון דער האלבארן-גאס זענען צוגעמאכט אלע רעסטוראנען און טיי-הייזער צוליב זונטאג-רוהע און אויף דער לינקער זייט פון דערזעלבער גאס, זענען אלע לאקאלע אפען, מ'שפילט, מ'טאנצט און ס'איז פרייליך...

אין „לאנדאן" איז פערהאנען אנ'אכסניה, וועלכע ס'האט געעפענט אין יאהר 1579 דער דאמאלסדיגער מיליאנער וואשט. די דאזיגע אכסניה האט בלויז צוועלף בעטען לויט דעם טעסטאמענט פון וואטס, וועלכעס ווערט היינט אבגעהיטען פון א בעזונדערער רייכער חברותא. האבען די געסט פון דעם הויז נישט נור א פיינע, ריינע דירה און דאס בעסטע עסען אומזיסט, נור יעדער וואס געהט פון דארט אוועק, בעקומט נאך א שילינג צידה לדרך... אין דער דאזיגער אכסניה זענען פערצייכענט אלע געסט וואס האבען דארט געוואוינט אין משך פון די 358 יאהר. עס זענען דארט פערשריבען די חשוב'סטע מענשען פון דער וועלט, צווישען זיי אויך די ענגלישע קעניגין עליזאבעט. יעדען טאג איז דאס „האטעל" בעזעצט פון די פיינסטע און בעסטע געסט, וואס קומען קיין „לאנדאן".–

ז. האבער, וויען.

לאזבאר. ווען מען זאל געהן אויף דעם וועג – זאגט ה' וויינבערג – ווי דער רעפערענט האט געטהון, קאן קומען דערצו, אז מען וועט פערטרייבען פון „עונג שבת", נישט נאר בלויז די „אבות", נאר אויך די „בנים"... און באלד האט טאקי דער זעלבער ה' ב. וויינבערג געלערנט א קאפיטעל פרק, וואס האט געהאט טויזענד טעמים און ארויסגערופען ענטציקונג ביים פערזאמעלטען עולם.

אהיימגעהענדיג האבען מיר יודען געגעבען צו פערשטעהן, אז דער רעדנער איז לעולם גערעכט, ווארום אין פרקי אבות געפונען זיך די געזעצען און מדות, מיט וועלכע מענשען דארפען זיך בענוצען, ווי: לב טוב, עניוות א. ד. גל. און דער דערמאנטער רעדנער קען אזעלכע זאכען נישט פערטראגען...

ער דארף נישט קיין גוט-שבת-יודעלעך...

א גרופע יודען שטעהען אין גאס און שמועסען. בין איך דאך נייגעריג, געה איך אויך צו און הער, ווי איינער א יוד א נגיד, שרייט מיט בענומענע קולות: צו-וואס דארף איך דאס, ווער בעט זיי דאס, און איבערהויפט ווער דארף געבען די יודען חלות מיט ברויט – קראנק זענען זיי צו געהן ארבייטען"? איך קוק אן דעם פערשוין און מיין, אז ער איז, חלילה, פון זינען אראב. וואס הייסט, יודען זאלען געהן ארבייטען – דאכט זיך, אז די יודען רייסען איין וועלטען מען זאל זיי צונעמען צו דער ארבייט, נאר די הערצער פון אונזערע יודישע פאבריקאנטען זענען אזוי אכזרות'דיג, אז די יודען און צווישען זיי א סך בכבודיגע מוזען נעביך אויסשטרעקען די האנד, כדי נישט צו שטארבען פון הונגער.

אוודאי געהער איך אויך צו די יעניגע, וועלכע האלטען, אז מען דארף נישט מאכען יודען פאר קיין שנארער, אז מען דארף זיי בעשעפטיגען, מען דארף זיי ערציהען אלס פראדוקטיווע עלעמענטען. ווען מיר לעבען אבער אין דער איצטיגער צייט, ווען אונזערע יודישע גבירים, וועלכע זענען זאט, ווילען נישט וויסען פון אונזער פאלקס-אומגליק און טהוען נישט די האנד אין קאלטען וואסער, כדי צו ראטעווען די טויזענדער ארבייטסלאזע און פרנסה'-לאזע יודען פון אונטערגאנג, מוזען זיך דאך געפונען אזעלכע יודען, וואס זאלען זיי דערלאנגען א שטיקעל ברויט מיט חלה.

ווען איך האב איהם דאס אויפגעקלערט, האט ער ווייטער נישט פערשטאנען. ער איז זאט, צופרידען און ער דארף נישט קיין גוט-שבת-יודעלעך, סיידען, סיירען, אז דער זעלבער, כ'זאל אין א גוטער שעה ארויסרעדען, זאל נישט קומען צו אזא מדרגה, אז ער זאל נישט דארפען חס-ושלום אנקומען צו די גוט-שבת-יודעלעך...

זיי פיהלען זיך שטארק...

אפטמאל זעה איך אזעלכע ערשיינונגען. אין ראבינאט קומען פערשידענע מענשען, וועלכע רופען ארויס זייערע תובעים לדין תורה, ווענדעט זיך, וועמען מען רופט. איז עס אזא יוד, ווי אברהם גאנזווא, אדער אנ'אנדערער אזא ענליכער, וועלכער איז פעסט ביי זיך, כ'מיין דער בייטעל איז ביי איהם אנגעשטאפט, טא זייט זיכער, אז ער וועט נישט קומען צו קיין דין-תורה. טאמער רופט מען אבער א פשוט'ען יודען, וועט ער צו דער מינוט צו דער רגע זיך שטעלען צום דין-תורה.

אייגענטליך דארף דאס נישט אזוי זיין. אלע רעליגיעזע יודען דארפען זיך דאך האלטען ביי דיזעלבע תקנות. ממה נפשך: יש דין בישראל, צי נישט. ווי ס'ווייזט זיך אבער ארויס, זענען די געלד-יודען אין אנ'אנדערער מיינונג. פאר זיי עגזיסטירט נאר זייער געלד – דאס איז זייער רעליגיע. זיי פיהלען זיך שטארק..

א שוידערליך בילד.

לויט דער איניציאטיוו פון דער צענטראלע פון „טאז" ווערען אין די שטעדטלעך פון טשענסטאכאווער פאוויאט איינגעארדענט סוב-אבטיילונגען פון היגען „טאז".

צו דעם צוועק איז די טעג אין דער היגער אבטיילונג פון „טאז" פארגעקומען א קאנפערענץ פון פארשטעהער פון די אלע שטעדטלעך.

די בעריכטען פון די דאזיגע שטעדטלעך שטעלען מיט זיך פאר א שוידערליך בילד. די פאר הונדערט פאמיליעס, וועלכע געפונען זיך אין די שטעדטלעך פון טשענסטאכאווער פאוויאט געהען ממש אויס פון הונגער און אויסער עקאנאמישע צרות, ליידען זיי נאך גייסטיגע יסורים. נאך ערגער ליידען די אונשולדיגע יודישע קינדערלעך, וועלכע געהען אין די פאוושעכנע שולען צוזאמען מיט די קריסטליכע קינדער. די דאזיגע יודישע קינדערלעך ווערען מאלטרעטירט אויף אנ'אונערהערטען הימעל-שרייענדען אופן.

אט שילדערט דער דעלעגאט פון קלאבוצק:

די יודישע קינדער, וועלכע געהען אין שולע, קומען אפט אהיים צובלוטיגטע, און ווען די עלטערען געהען נאך די קינדער אין שולע אריין, ווערען זיי אויך אויפ'ן וועג בעווארפען מיט שטיינער. אין דער שולע טשעפען די קריסטליכע שילער די יודישע קינדער און זידלען זיי מיט פערשידענע עפיטעטען. די קריסטליכע קינדער ווערען בעשפייזט, די יודישע – נישט. מען טאר זיך נישט בעקלאגען פאר די לעהרער וועגען די עולות, ווייל אין דער שולע העגגט אנ'אויפשריפט: „מען זאל זיך נישט בעקלאגען".

דאס זעלבע בעריכטעט דער דעלעגאט פון קרזשעפיץ, יאנוב, טרוטקאלאס און אנדערע.

הערענדיג דאס אלץ, ווערט דאס בלוט פערקיהלט אין די אדערען, און מען טראכט זיך: הנשמע כזאת?

דאגעגען האט מען געהאט א ביסעל נחת פון בעריכט פון די אלשטינער דעלעגאטען. ד"ה נישט חס ושלום, אז אין אלשטין לעבען די יודען אין נחת און פרייד, אזוי ווייט האלט עס נאך נישט. פארקעהרט, די אלשטינער יודען זענען זעהר ארים און פון וואנען זיי ציהען ארויס זייער ארים שטיקעל ברויט, ווייסט איין גאט. נחת האבען מיר אבער געהאט פון דעם בעריכט, וואס עס האט אבגעגעבען דער אלשטינער דעלעגאט ה' באום. אלשטין פערמאגט 30 יודישע פאמיליעס און פונדעסטוועגען עגזיסטירט דארט שוין א דאנק דער בעמיהונג פון דעם זעהר ענערגישען כלל-טהוער ה' העניך קארטוש א „גמילות-חסד-קאסע", וועלכע איז אנגעשלאסען אין „צע-קא-בע" און אזוי ארום דערנעהרען זיך די עטליכע צענדליג פאמיליעס. די לעצטע צייט האט זיך ווידער דער ה' קארטוש בעמיהט אין ווארשא און ס'איז איהם געגעבען געווארען די מעגליכקייט צו בעשפייזען יעדען טאג עטליכע צוואנציג קינדער. דאס בעווייזט, אז כאטש אלשטין איז די קלענסטע יודישע קהלה אין אונזער פאוויאט, דאך אבער, א דאנק דער ענערגיע פון איין מענשען, טהוט זי א סך אויף.

דאס איז אבער נאר איין פרט, פאקטיש איז אין די אלע קליינע שטעדטלעך חושך-מצרים, די יודען לעבען דארט אויף א ווולקאן און זענען אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע ליידען און יסורים, און ס'איז באמת א וואונדער, ווי אזוי זיי האלטען אויס.

קומענדיג זיך צוזאמען מיט די דאזיגע פראווינצער יודען און הערענדיג זייערע בעריכטען, שטעלט זיך פאר א שוידערליך בילד.

לויתן

„די יוגענד און די צוקונפט פון יהדות"

(פון הרב ד"ר מ. ז. ברוידא'ס רעפעראַט)

זונטאג נאכמיטאג איז אין דער נייער סינאַגאָגע פאָרגעקומען אַ רעפעראַט פון הרב ד"ר מ. ז. ברוידא, א.ד.ט.: „די יוגענד און די צוקונפט פון יודענטום".

דער חשוב'ער רעפערענט זאָגט, אַז נאָך אין די אַלטע צייטען זענען געווען פּאַקטען, ווען די יודען האבען פערגעסען אין דער תורה, אין יודישקייט; האבען זיך אַסימילירט מיט די אַרומיגע פעלקער און ס'האט זיך אויסגעדוכטען, אַז די פרעמדע איינפלוסען וועלען דאס יודענטום אינגאנצען פערשלינגען. אָבער אַזוי איז עס נישט געווען. דער יודישער גייסט, די יודישע עטיק האט שטענדיג איבעראַל געלעבט און מיטגעוואַנדערט אין אַלע ווינקעלעך, וואו יודען האבען זיך נאָר געפונען. אַט דער דאָזיגער ספעציפיש-יודישער גייסט האט דאס פאָלק ישראל נישט געלאָזט אונטערגעהן אפילו אין זיינע געפעהרליכסטע מאָמענטען

אויך איצט דוכט זיך — ציהט ווייטער ד"ר ברוידאַ — אז די יודישע יוגענד האָט פערגעסען אין דער תורה און יודישקייט. אונזער יוגענד בלאָנדזשעט; אַ מיש-מאַש פון פרעמדע קולטורען און איינפלוסען האט זייערע מחות צוחושט; זי ווייסט נישט אין וועמען זיך אַנצושפאַרען; זי וויל גערן צוריקגעהן צו דער ריין-יודישער קולטור; די יוגענד פרעגט: ווייזט אונז דאס יודענטום? וואו איז עס? ווייזט אונז דעם וועג?

און מיר ווילען זיי טאקי ווייזען דעם וועג.

כדי דאס פּראָבלעם גענויער צו פערשטעהן, מוז מען וויסען, אז מיר לעבען איצט אין א תקופה, אין וועלכער ס'קומען פאָר דריי קריזיסען: דער קריזיס פון מענש און יחיד; פון דער געזעלשאַפט; און פון געוויסען. דאס 18 טע יאָהרהונדערט האט זיך אויסגעצייכענט מיט דער בעפרייאונג פונ'ם מענשען פון יחיד. ס'ווערען צושמעטערט די קייטען פון פעאָדאַליזם, דער מענש הויבט אָן א ביסעל פרייער צו אָטעמען. אויך דער יוד, אַלס יחיד, האָט פון דער פרייהייט אָנגעהויבען געניסען. אין 19-טען יאָהרהונדערט הויבען אָן בלאָזען ליבעראַלע ווינטען, די געזעלשאפט אָרגאניזירט זיך און פאָדערט דאס איהריגע און דאס געוויסען פון דער מענשהייט ווערט רוהיגער, ריינער. איצט, אין 20-טען יאָהרהונדערט, קומט צוריק דער קריזיס פון די אַלע דריי דערגרייכונגען. ס'פערשווינדט דער מענש, דער יחיד, זיין אָרט פערנעמט דער טאָטאַלער שטאַאַט; אַלע מענשען, די גאנצע געזעלשאַפט מוז זיך אונטער איהם אונטעראָרדנען, זיין איהם בלינד געהאָרכזאַם; ס'ווערט גענומען אין אַכט בלויז דער אינטערעס פון דער הערשענדער נאַציע און מלוכה — פאַר'ן געוויסען און פאַר'ן מענש — גאַרנישט.

פאַר אונז, יודען, איז די דאָזיגע ערשיינונג פשוט צושמעטערענד. אין דעם נייעם טאָטאַלען שטאַאַט וויל מען אונז עקאָנאָמיש און קולטורעל אויסוואָרצלען און דערווייטערען פון געזעלשאפטליכען און מלוכה'שען לעבען אַלס כלומרש'ט שעדליכען פאַקטאָר. מען וויל אונז פשוט נישט האָבען. פאר דער יודישער שטודירענדער יוגענד ווערען געשלאָסען אלע טויערען, מען פערמיאוסט זיי דאס לעבען, מען מאכט זיי אומעטום ענג, אפשר, טראַכטען זיי, וועט דאס זיין דער וועג פון צוריקהאלטען, פון צוריקשטויסען די יודען צום אַלטען געטאָ.

ווי זאָלען מיר אַלזאָ, אין אַזאַ צייט, ערציהען אונזער יוגענד? מיר קענען זיך דאָך נישט ערלויבען זיי צו ערציהען בלויז אַלס מענשען, ווי אונזערע עלטערן האבען דאס מיט אונז געטהון. דאס וואלט דאך געהייסען איבערגעבען זיי א באַנקראָטירטע פירמע אין אידעע.

דער ענטפער איז: מיר מוזען זיי ערציהען אַלס יודען, אַלס מיטגלידער פון דער יודישער געזעלשאַפט.

די יוגענד קען פרעגען: וואס איז דאס אזוינס דאס יודענטום, פאַר וועלכען מיר דאַרפען קעמפען?

קיינער וויל אונז נישט אנערקענען אלס פאָלק מיט אַנ'אייגענאַרטיגען כאַראַקטער. אלע ווילען אין אונז זעהען בלויז א רעליגיעזע גרופּע, וואס פערייניגט אונז אין אלע לענער. אפילו אין דער רענעסאַנס תקופה האט מען אונז אויך בלויז געמאכט פאר א גרופּע אנהענגער פון משה'ס גלויבען און קיינמאָל נישט אַלס פאָלק מיט א נאַציאָנאַלען פרצוף. אָבער דאס איז נישט אמת. מיר זענען א פאָלק מיט אַנ'אייגענער קולטור ווי אַלע אנדערע פעלקער. דאס וואס איז געבליבען בלויז א רעליגיעז לעהר-בוך פאר אָרטאָדאָקסען, נאר אויף זיין „יד החזקה" וואס איז דעם יודענטום'ס מאָראַליש-עטישער קאָדעקס. פון דא נעמט זיך אונזער היסטאָרישע בערעכטיגונג אַלס פאָלק. דאס קען אויך בעווייזען די גייעסטע געשיכטע פון איצטיגען ארץ-ישראל, וואו חלוצים פון אלע לענדער שאַפען די גרעסטע וואונדער, האבען איין שפראַך, איין געמיינזאַמע אידעע: פאָלק און לאַנד.

אַט דאָס איז דער כוח פון יודישען גייסט, וועלכער האט אונז קיינמאָל נישט פערלאָזט, וועלכער האט אונזער יוגענד געגעבען קראַפט און אויסדויער אויסצוטרוקענען דעם עמק און איהם פערוואַנדלען אין א בליהענדען ישוב.

— היינע האט אמאל געזאגט, אז צו זיין א יוד איז אונמעגליך. דאס איז נישט אמת. מיר ליידען טאַקי פון דעם באַרבאַריזם פון די אַרומיגע פעלקער, אָבער מיר זענען שטאָלץ מיט אונזער אלטער קולטור, וועלכע באַזירט אויפ'ן אמת און גערעכטיגקייט. מיר ווייסען און קענען אונזער ווערט.

ביז איצט האט אונזער יוגענד גענאַשט פון פרעמדע אייראָפּעאישע קולטורען, היינט דאַרפען מיר זי צוריקפיהרען צו אונזער יודישער קולטור, צו יודישקייט, צו אונזערע אייגענע גייסטיגע אוצרות.

דאס איז דער וועג פאַר דער יודישער יוגענד.

מ. קויפמאַן

נאָך ביז זונטאג וועט זיין אָפען די בילדער - אויסשטעלונג פון בן-ציון צוקערמאַן.

אויף דער איינלאַדונג פון קינסטלער בן-ציון צוקערמאַן, האבען מיר נעכטען ווידער בעזוכט זיין בילדער-אויסשטעלונג און פעסטגעשטעלט, אז ס'זענען צוגעקומען פיעל נייע בילדער, וועלכע זענען ביז איצט דארט נישט געווען.

די אויסשטעלונג מאכט אויף יעדען בעזוכער אנ'אנגענעהמען איינדרוק, ווייל סיי די אינטערעסאַנטע, ווערטפולע שאַפונגען פון קינסטלער און סיי דער הערליכער לאקאל פערמאגט אין סך הכל אזא שפע, אזא ים פון ליכט, אז ס'קוויקט דאס אויג, פ'ווארימט דאס הארץ אויפ'ן אַנבליק פון דער דאַזיגער שעהנקייט.

ביז איצט זענען שוין פערקויפט געווארען פיעל בילדער. די אויסשטעלונג וועט בלויז נאך אָפען זיין ביז זונטאג אווענד איינשליסליך. נוצט דעריבער אויס די צוויי טעג, שבת און זונטאג, צו בעזוכען די אויסשטעלונג אין לאָקאַל פון „געזעלשאַפטליכען קלוב", אלעע 35, צווייטער שטאָק, פון 10 פריה ביז 5 נאכמיטאג.

פערזענליכעס

ה' בן ציון (בענעק) סלאָמניצקי האט נאָכ'ן בעלייגען די געהעריגע עקזאַמענס פאַר דער מייסטער עגזאַמינאַציאָנס-קאָמיסיע, בעקומען דעם מייסטער-טיטל (מיסטזש) אלס מעכאַניק מיט א ענטשפרעכענדען דיפּלאָם.

די אָקופּאַציע - שטרייקען אין די פאַבריקען פון צעלולאָיד - אויסאַרבייטונגען.

אויף היינט, פרייטאג איז בעשטימט געווארען אין אַרבייטס אינספעקטאָראַט א קאָנפערענץ וועגען אָקופּאַציע שטרייק אין דער פאבריק פון צעלולאָיד-אויסאַרבייטונגען א.ד.פּ. סעווערין לאַנדוי.

בנוגע דעם אָקופּאַציע-שטרייק אין דער צווייטער פאַבריק פון דיזעלבע אויסארבייטונגען „קאָסמאָס", איז דער ענין פארלויפיג געבליבען שטעהן אויף א טויטען פונקט. אין דער פאַבריק אַרבייטען בסך-הכל 86 פערזאָן, דערפון איז די צאָהל פרויען 71.

די שטרייקענדע פערלאנגען א לויהן-תוספה פאר די דאזיגע אַרבייטער, וואס פערדינען אַמווייניגסטען, ד. ה. 1 זל. ביז 2 טעגליך.

די קרבנות פון דער באַהן-קאַטאַס-טראָפע הינטער רודניק צאָהלען נישט פאַר קוראַציע.

די אַרטיסטען פון סאָסנאָווצער טעאַטער ערוואַן און קראַטקע, וועלכע זענען שווער פערוואונדעט געווארען בעת דער קאטאסטראפע מיט דער לוקסטאָרפעדא הינטער רודניק, זענען ביז איצט געווען אויף קוראציע אין הייל-אַנשטאלט אין טשענסטאכאוו.

נאָך 16 טעג האט די שפיטאל פערוואלטונג זיי אויסגעשטעלט רעכנונגען פאר דער היילונג, וואס בעטרעפט 360 זל. היות ביידע ארטיסטען זענען נישט אימשטאנד געוועזען די רעכנונגען צו רעגולירען, האבען זיי פערלאזט דאס שפיטאל. ה' ערוואַן איז געפאהרען קיין סאָסנאָוויץ און ה' קראַטקע — צו זיין פאמיליע קיין לאָדז.

ביידע אַרטיסטען האבען אנגעקלאגט די פערוואלטונג וועגען ענטשעדיגונג.

פונ'ם יודאַאיסטישען אינסטיטוט

מאָרגען, שבת פונקטליך 4 א זייגער נאכמ. קומט פאַר א מסבת עונג שבת מיט דער בעטייליגונג פון פּראָפ. ב. וויינבערג, וועלכער וועט רעדען פרשיות השבוע און פרקי אבות. אָבע־קאַנטאָר ה' פינקעלשטיין וועט זינגען אייניגע פאָלקס לידער.

דאָס יונגע „קאָמעדיאַנטען-טעאַטער" אין טשענסטאָכאָוו.

צו אונז אין שטאָדט קומט אראב נאר אויף צוויי גאַסט-אויפטריטען דאס בעוואוסטע יונגע „קאָמעדיאַנטען טעאַטער", וואס וועט געבען דעם לעצטען סעזאָן-שלאָגער א. נ. „ווען דער פאַיאַץ לאַכט".

די „קאָמעדיאַנטען" פון דעם יונגען טעאטער זענען: ליזאַ ווײַן, נאַדזיאַ ראַדינא, מרים לעש, א. קראַסנאָוו, מ. זעלוועער, א. קאָהן, י. לעווין, וואראנאַוויעצקא א. א. דאס זענען אלץ נעמען, וואס זענען נאך דעם היגען יודישען טעאטער-עולם נישט בעקאנט פשוט דערפאַר, ווייל זיי וועלען זיין צום ערשטען מאל אין טשענסטאכאוו. אבער לויט די רעצענזיעס און פרעסע איבערזיכטען, פון אנדערע שטעדט זעהען מיר, אז דאס זענען בלויז יונגע, זעהר טאלאנטירטע א־טיסטישע כחות. וועלכע האבען געמאכט אנ'איבערקעהרעניש אינ'ם אופן און אַרט שפילען אויף דער ביהנע. דאס זאָל זיין א רעוועלאַציע, עפּיס נייעס, וואס מיר האבען נאך נישט געזעהן.

אין עפילאָג פון דער פארשטעלונג קומט פאר פון דער יונגער חבורה א רעווי - קאָנצערט א. נ. „קאָמעדיאנטען-פּאַראַדע", אין וועלכער ס'נעמט אנטייל דער גאנצער אנסאמבל. די טעקסטען פון די מאָנאלאָגען, סקעטשען, דועטען, פאלקס לידער, זענען פון: פּרץ, שלום-עליכם, נאַדיר, לוצקי, שטיינבערג, בערגעלסאָן, ווערטינסקי א. אנד. וואס זאגט עדות, אז די „קאמעדיאנטען" האבען א געשמאַק אין ליטעראַרישען אויסוואַהל און אז דער אווענד וועט שטעהן אויף דעם געהעריגען ניוואָ.

שוין מארגען שבת אויפדערנאכט קומט פאר אין פייערלעשער-זאַל זייער אויפטריט. ס'איז מעהר ווי זיכער, אַז די היגע יודישע אינטעליגענץ און טעאַטער-ליבהאבער וועלען נישט אדורכלאזען די דאזיגע געלעגענהייט און קומען זעהען דאס יונגע „קאָמעדיאנטען-טעאטער".

בילעטען היינט צו בעקומען אין דרוקעריי פון ה' באָטשאַן, אלעע 6 און מארגען שבת פון 11 פריה ביי דער קאסע פון טעאטער.

פון ספּאָרט.

זונטאג, דעם 18-טען אַפּריל 3.30 א זייגער נאכמיטאג אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ „מכבי" קומט פאר א פוטבאָל-מעטש וועגען דער מייסטערשאַפט פון קלאַס „בע" צווישען „מכבי" און 4 ס. מ. פּ. דעמזעלבען טאָג 1.30 נאכמיטאג א פאַרמעטש וועגען דער מייטטערשאפט פון קלאַס „צע" צווישען „הכח" און 2 ק. ס. מ.

KOMUNIKAT.

Podajemy niniejszym do wiadomości licznym zainteresowanym,

iż przy kupnie odbiornika radiowego przyjmujemy Pożyczki Państwowe po kursie nominalnym 100 za 100.

Czas przyjmowania pożyczek ograniczony.

Przedstawicielstwa:
KOSMOS
RADIO-UNION
CAPELLO
TELEFUNKEN
HORNYPHON

Zakłady Radiotechniczne „WORLD-RADIO"
Spółka Komandytowa
N. M. Panny 24, w podwórzu
Tel. 25-75.

מזל-טוב ווינשען מיר אונזער שוועסטער און שוועגערין **פרימעט** צו איהר תנאים מיט ה' **אברהם ווארשאַווסקי** פון בעלכאַטאָוו. דעם ליעבען פּאַטער פיעל נחת און פרייד

יצחק וואָלף שמולעוויטש און פאמיליע, כאַזשוב; משה האראָוויטש און פרוי, כאַזשוב
משה שמולעוויטש און פאמיליע; רחל, קריינדל, הענע, ישראליק, דודטשע, וויעלון.

דער פאמיליע שמולעוויטש פיעל גליק צו די תנאים פון זייער טאָכטער און שוועסטער **פרימעט** מיט ה' **אברהם ווארשאווסקי** ווינשען

טשארני און פייטעל כמורא

צבי שיביץ **מרים הירשברג**

באו בברית הנשואין

ירושלים בחודש אייר תרצ"ז. ווילון

אונזער ליבען ברודער, שוואגער און שוועגערין יעקב הירשבערג און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרים** מיט ה' **צבי שיעוויטש** ווינשען מיר פיעל נחת, דעם יונגען פּאַר א גליקליך צוזאמענלעבען

לעאָ און פראנציס הירשבערג, פעליקס און פערל ראָזענבערג,
פייוויש הירשבערג און פרוי (אמעריקא).

צו דער חתונה פון אונזער ברודערן-טאָכטער **מרים הירשבערג** מיט ה' **צבי שיעוויטש** ווינשען אונזער ברודער און שוועגערין א הערצליכען מזל-טוב. דעם יונגען פּאַר א הערליכע צוקונפט

קלמן הירשבערג און פרוי, דוד הירשבערג און פרוי (פּאַריז)

אונזער ג. פרעזעס און לאנגיעהריגען עסקן פון לינת הצדק ה' יעקב הירשבערג און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרים** ווינשען מיר פיעל גליק

די פערוואלטונג פון „לינת הצדק" אין וויעלון
די ווירטשאַפטס-קאָמיסיע פון „לינת הצדק".

מזל-טוב און פיעל נחת אונזער ג. פערוואַלטונגס-מיטגליד ה' יעקב הירשבערג צו דער חתונה פון זיין טאָכטער **מרים** מיט ה' **צבי שיעוויטש** ווינשט

די פערוואלטונג פון דער גמילות-חסדים-קאסע
„עזרה" אין וויעלון

אונזער פריינד יעקב הירשבערג און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מ ר י ם** מיט ה' **צבי שיעוויטש** ווינשען מיר פיעל גליק

יעקב שאַיאַ און פרוי, אשר מענדלעוויטש און פרוי

א הערצליכען מזל-טוב דעם ה' יעקב הירשבערג און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מ ר י ם**

יודל רינג און פרוי, אליהו קאָרן און פרוי

דער פאמיליע הירשבערג פיעל גליק און צופרידענהייט צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרים** מיט ה' **צבי שיעוויטש** דעם יונגען פּאַר א גליקליכע צוקונפט ווינשען

פייוויש סקושיניאַ און פרוי, איכל לאַנדוי און פרוי

אונזער פריינד יעקב הירשבערג און פרוי מזל-טוב און פיעל נחת צו דער חתונה פון זייער טאָכטער **מרים** ווינשען

משה פערעצאָוויטש און פרוי, יחיאל מאיר יאַקובאָוויטש און פרוי.

לידידנו הנכבד יעקב הירשברג ורעיתו לנשואת בתו **מרים** עם **צבי שיעוויטש** מירושלים הננו שולחים את ברכתנו הלבביות

העניך ראָטשילד ורעיתו, אברהם פּאָקולאַ ורעיתו.

לידידנו יעקב הירשבערג ורעיתו לרגלי נשואת **בתו** ברכות מאליפות מקרב לב שולחים

יחיאל עפשטיין ורעיתו, אהרן לייב אַראָנאָוויטש ורעיתו

לסגן יו"ר של הסתדרותנו ולמנהל ביה"ס „יבנה" מר יעקב הירשברג ומשפחתו לרגלי נשואי **בתו** עם בח"ל ברכות ואהולים לבביים. ירוה מהם הרבה נחת ויזכה לשמח אתם יחד בארצנו הקדושה.
המברכים: הסתדרות „מזרחי", ועד ביה"ס „יבנה".

לחברנו **צבי שיביץ** לרגלי ברית האירוסין עם בחורתו העלמה **מרים הירשברג** את ברכתנו החמה

יעקב מארעק, שמעון זיידעמאַן

„TRIOKONG"

Zakłady Przemysłu Radiowego
Częstochowa, Garibaldiego 28. Tel. 10-99

Polecamy pierwszorzędnej jakości radioodbiorniki

COLUMBUS 937
3 lampy z 4 prostownicą

LECH
2 lampy z 3 prostownicą



Nasz system ratalny umożliwia nabycie powyższych odbiorników na najdogodniejszych warunkach.

Demonstracje w firmie
N. TEICHNER
Aleja 14. Tel. 17-91

Mistrzyni świata panna Stolnitz pisze na maszynie 159 liter na minutę

Częstochowianka prześcignęła mistrzynię świata

Rutynowana stenotypistka (pisząca na maszynie przeszło **200 liter na minutę**), z biegłą stenografią, z długoletnią praktyką biurową i znajomością języka niemieckiego, przyjmie posadę w większym przedsiębiorstwie handlowym lub przemysłowym.

Łaskawe oferty do redakcji dla L. S.

וויכטיג פאר אויסשטעלער אין פויזען.

א טיכטיגער קויפמאן זוכט פערטרעטונגען אויף פויזען און פראווינץ. קען אויך ארגאניזירען און פערטרעטען אויף די טארגעס.

גוטע רעפערענצען.

זיך ווענדען צו:

P. Kirszenbaum, Poznań
Św. Wojciecha 4 lub Plac Działowy.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאן

מיר נעמען אן צו וואשען **קראגענס** מיט לאנג - דויערענדע שפיגעל-גלאנץ ווי אויך **כעמיש** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס

2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).

אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן ארט אלץ צו ביליגע פרייזען.

Lokale fabryczne

do wynajęcia Fabryczna 1/3.

EDWARDA KRAUSKOPF

LEKARZ-DENTYSTA

Aleja 11 m. 1

przyjmuje od g. 10—1 i 4—7.

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Uczy modnie, wytwornie, w kompletach, pojedyńczo — zapisy codziennie. Opłaty przystępne.

יעדען שבת א פראקטישע לעקציע פאר יודישער געזעלשאפט. אנהויב 8 אווענד. ערשטקלאסיגע מוזיק.

PRZY PRZEZIĘBIENIU, GRYPIE, KATARZE

proszek ze zn. fabr.

KOWALSKINA

dla dorosłych

NIEMA PIEGOW

NIEMA PIEGOW
NIEMA PIEGOW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW
NIEMA PIEGÓW

może sobie powiedzieć Pani, nie dopuszczając do występowania piegów na wiosnę. Zapobiega tej szpecącej dolegliwości cery i usuwa piegi

KREM PRECIOSA PERFECTION

PIWIARNIA

do odstąptenia. Lokal nadaje się na sertaurację lub inny handel.
Wiad. NARUTOWICZA 3 w PIWIARNI.

Wyrazy szczerego współczucia p. S. BRZOSKIEMU z powodu zgonu

b. p. OJCA Jego

składają

L. GOLDÓWNA
D. GRYNBAUM
Z. GOLDBERG.

גרויסע קאנפערענץ אין ראבינאט וועגען ענינ'י = כשרות.

זונטאג אין אוונד איז אין לאקאל פון היגען ראבינאט פארגעקומען א קאנפערענץ פון ראבינאט, שוחטים, נאמנים און אלע קאנצעסיאנירטע קצבים וועגען אבהיטען דאס כשרות וועזען אין בעצוג צום פלייש פערקויף אין אונזער שטאדט.

דער הויפט צוועק פון דער קאנפערענץ איז געווען, ווי אזוי צו האבען א השגחה איבער די קאנצעסיאנירטע יאטקעס, אז ס'זאל דארט נישט פערקויפט ווערען קיין פלייש, וואס איז נישט געשחט'ען געווארען אין היגען שחט-הויז אלס כשר.

אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע בעשלוסען:

1) אלע נאמנים, וואס זענען געזעצט איבער כשרות, מוזען יעדען טאג בעזוכען די ריטועלע יאטקעס און נאכזעהען, צי אויף דעם פלייש, וואס ווערט דארט פערקויפט, געפינען זיך די סטעמפלען פון שחט-הויז און נאמנים.

2) צוויי מאל אין דער וואך וועלען די מיטגלידער פון ראבינאט בעזוכען די זעלבע יאטקעס, בכדי צו קאנטראלירען, אבער אלעס געפינט זיך אין ארדנונג.

3) יעדע יאטקע, נאכדעם ווי איהר חודש'ליכער קאנטיגענט וועט זיין אויסגעשעפט, מוז ווערען געשלאסען ביז'ן סוף פון יענעם חודש און אויף דער טהיר פון געשעפט דארף זיך געפונען א בעקאנטמאכונג, צוליב וואס די יאטקע איז צייטווייליג פערמאכט.

4) דער ראבינאט זאל ארויסגעבען א קול קורא צו דער בעפעלקערונג אבצוהיטען זיך פון קויפען פלייש אין די נישט - קאנצעסיאנירטע יאטקעס, ווייל דאס פלייש איז טרפה.

פרעמיער סקלאדקאווסקי אויף אנ'אינספעקציע אין טשענסטאכאוו.

פערג. פרייטאג ארום 4 א זייגער נאכמיטאג איז פלוצים מיט אנ'אויטא ארויבגעקומען קיין טשענסטאכאוו אויף אנ'אינספעקציע דער פרעמיער גענ. סלאוואי סקלאדקאווסקי, אין דער געזעלשאפט פון קעלצער וואיעוואדע ד"ר דזיאדאש.

צוזאמען מיט'ן פרעמיער און וואיעוואדע זענען אויך געקומען דער הויפט-דירעקטאר פון ארבייטס פאנד דאלאנאווסקי, וואיעוואדישער דירעקטאר פון ארבייטס פאנד ה' פיוואוואנסקי און דער נאטשעלניק פון דער וואיעוואדישער קאמוניקאציע-אבטיילונג אינזש. קרוג.

דער פרעמיער איז צוגעפאהרען גלייך צו דער סטאראסטווע, וואו ער איז אויפגענומען געווארען דורכ'ן סטאראסטע ה' ראזמארינאווסקי און נאך א קורצער קאנפערענץ וועגען בעשעפטיגען די ארבייטסלאזע צוזאמען אויך מיט'ן וויצא-פרעזידענט דזובא אוועק אויף די עפענטליכע ארבייטען אין פערשידענע טיילען שטאדט. צום סוף האט נאך פרעמיער סקלאדקאווסקי בעזוכט די קאפאלניע אין קאנאפיסק און 8 אווענד אבגעפאהרען מיט'ן שנעלצוג קיין ווארשא.

קאנפערענץ אין היגען „טאז" מיט'ן אנטייל פון קהלה-דעלעגאטען פון דער פראווינץ.

אין שייכות מיט דער גרויסער נויט, פערצווייפלונג און אלגעמיינער פערווארלאזיגקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג, בפרט פון די שול-קינדער, איז לויט דער איניציאטיוו פון היגען „טאז" גערופען געווארען אויף מאנטאג פארמיטאג אין אייגענעם לאקאל א קאנפערענץ פון קהלה פארשטעהער און דעלעגאטען פון די ארומיגע גרעסערע און קלענערע שטעדטלעך, כדי מיט זיי געמיינזאם צו בעטראכטען די פראגע פון ארגאניזירען אין די ערטער אבטיילונגען פון היגען „טאז".

אין דער קאנפערענץ האבען אנטייל גענומען די ה"ה: פרעזעס י. ראזענבערג, ש. רוסאק (קזשעפיץ), מרדכי שפערלינג און י. כאדא (קלאבוצק), ש. גרינבערג (אמסטוב), אפענהיים (יאנוב), ב. בוים און ה. קארטוז (אלשטין).

דער סעקרעטאר פון „טאז", ה' י. ראזינער, רעפערירט דעם ענין און גיט אנ'אלגעמיינעם איבערבליק איבער דער טעטיגקייט און אויפגאבען פון „טאז", וואס איז ביים היינטיגען טאג איינע פון די וויכטיגסטע, נוצליכסטע אינסטיטוציעס ביי אונז. ער בעט דאן די דעלעגאטען, אז יעדער זאל זיך ארויסזאגען וועגען אופן ווי אזוי צו ארגאנירען די „טאז" ארבייטען אויפ'ן ארט.

ה' שפערלינג זאגט, אז מ'דארף בעגריסען די איניציאטיוו פון דער טשענסטאכאווער „טאז"-לייטונג, וועלכע האט פערשטאנען די נויטווענדיגקייט פון איצטיגען מאמענט צו שאפען אין די קליינע שטעדטלעך אזעלכע אבטיילונגען פון מעדיצינישער הילף, קינדער-בעשפייזונג און קינדער קאלאניעס. קיינער ווייסט נישט, קיינער קען דאס נישט אזוי פיהלען ווי מיר אויפ'ן ארט, ווי זעהר נויטיג דאס איז איצט. אין קלאבוצק, וואו דער אייגענטימער פון דער איינציגער אפטייק איז א געפעהרליכער אנטיסעמיט, וואו די יודישע שול-קינדער, וועלכע זיצען צוזאמען מיט קריסטליכע, ווערען דורך זיי געפייניגט און מאלטרעטירט, וואו פאר די יודישע שול-קינדער ווערט אין יעדער הינזיכט געמאכט אנ'אויסנאהם און מען גיט די יודישע אונשולדיגע קינדערלעך צו פיהלען דעם אנטיסעמיטיזם אויפ'ן יעדען שרים — וועט אזא וויכטיגע אבטיילונג פשוט זיין א ברכה פאר די דארטיגע יודען.

די ה"ה רוסאק און כאדא זאגען זיך ארויס אין זעלבען זין, צוגעבענדיג, אז די הילף דארף געגעבען ווערען אין יעדען שטעדטיל, אבהענגיג פון זיינע פערהעלטנישען און בעדינגונגען.

ה' בוים זאגט, אז אין אלשטין, כאטש ס'זענען דארט מעהר נישט פערהאן ווי 30 יודישע פאמיליעס, איז א דאנק דער ענערגישער ארבייט פון ה' קארטוז שוין פון א לענגערער צייט טעטיג א בעשפייזונגס זאל און אנדערע נויטיגע הילף, וואס וואלט געקענט דינען אלס מוסטער פאר אנדערע גרעסערע שטעדטלעך. די איצטיגע הילף פון „טאז" אין דער פארם פון קאלאניעס, איז דעריבער זעהר ווינשענסווערט.

ה' אפענהיים פון יאנוב זאגט, אז ביי זיי איז גאר שלעכט דערמיט, וואס די רייכערע און פערמעגליכערע האבען אויסגעוואנדערט, די אביונים, וואס זענען פערבליבען האבען נישט געקענט דערהאלטען דעם „לינת הצדק", וואס איז דארט געווען פריהער טעטיג. דער איינציגער דאקטאר, וואס געפינט זיך אין יאנוב איז מעהר קראנק ווי געזונד, אזוי אז אין הינזיכט פון היגיענע און מעדיצינישער הילף זענען זיי אינגאנצען פערווארלאזט. ער לעגט פאר, אז אין יעדען שטעדטיל זאל אויך דער „טאז" איינארדנען אנ'אייגענע מיניאטור-אפטייק וואס זאל קענען בעדינען אין נויטיגע פאלען.

ה' גרינבערג האלט, אז אין דרינגענדע פאלען, זאל מען בעריקזיכטיגען דאס, וואס מען קען פיעל מאל נישט דעם קראנקען אהערברענגען קיין טשענסטאכאוו, דעריבער זאל פון „טאז" אין אזא פאל באלד געשיקט ווערען די געהעריגע שנעלע הילף אויפ'ן ארט. אין אלגעמיין — זאגט ער — איז אריינגעטרעטען א געוויסע ענטשפאנונג אין אמסטוב, די אנטיסעמיטען ווילדעווען איצט נישט אזוי שטארק ווי פריהער.

זיי אלעמען ענטפערט ה' ראזינער, וועלכער זאגט, אז די אויפגאבע פון „טאז" איז א פיעל ברייטערע און פערצווייגטע, ווי זיי שטעלען זיך דאס פאר. דער „טאז" האלט נישט בלויז קראנקע, נאר אין דער ערשטער רייהע איז זיין אויפגאבע צו פערהיטען פון פערשידענע קראנקהייטען, צו זארגען וועגען די היגיענישע בעדינגונגען פון די קינדער, אונטערזוכען און האבען א שטענדיגע אויפזיכט איבער זיי. די בעשפייזונגס-אקציע און שאפען האלבע און גאנצע זומער-קאלאניעס פאר די יודישע קינדער, דאס זענען בעשטאנד-טיילען פון דער אלגעמיינער „טאז" טעטיגקייט. כדי דאס צו רעאליזירען, מוזען געשאפען ווערען אין די ערטער ארטיגע קאמיטעטען, וועלכע וועלען ארבייטען לויט די אנווייזונגען און קאנטראל פון היגען „טאז".

אין רעזולטאט ווערען אנגענומען פאלגענדע בעשלוסען:

1) צו שאפען אין די דערמאנטע שטעדטלעך סוב-אבטיילונגען פון „טאז" מיט ארטיגע קאמיטעטען, וועלכע וועלען מיטהעלפען אין ארגאניזירען די נויטיגע דערצו ארבייט;

2) ארויסצושיקען דעם ה' ברענער אלס אינסטרוקטאר פון היגען „טאז", וועלכער וועט שוין פון דינסטאג אן בעזוכען די אלע ערטער און פארברייטען די ארבייט;

3) אנגאזשירען א יודישען דאקטאר און היגיעניסט, וועלכער וועט די אלע שטעדטלעך בעזוכען 1 אדער 2 מאל וועכענטליך, אונטערזוכען סטאביל די קינדער און געבען נויטיגע מעדיצינישע הילף דער יודישער בעפעלקערונג;

4) בעזארגען די שטעדטלעך מיט די נויטיגע מעדיקאמענטען א. אז. וו. בעשפייזונגס-אקציע און קאלאניעס פאר די קינדער.

צום סוף דאנקט דער פרעזעס פון „טאז" ד"ר סט. קאהן די אנוועזענדע, וועלכע האבען ארויסגעוויזען אינטערעס פאר דער ארגאניזירונג פון דער אזוי וויכטיגער אקציע און דערמיט ווערט די קאנפערענץ געשלאסען.

מ. ק—ן.

א טשענסטאכאווער מיידעל בעקומט דאנק-אויסדרוקען פון עגיפטישען קעניג.

דאס טשענסטאכאווער מיידעל פרל. לוציא אינגבער האט אנגעשריבען צום עגיפטישען קאנסול אין ווארשא א ליטעראריש ווערק „די פוילישׂ עגיפטישע דערנעהנטערונג".

די דאזיגע ליטעראַרישע ארבייט פון דער יונגער אויטארין האט געפונען דעם געהעריגען אבקלאנג אין די מאסגעבענדע קרייזען פון עגיפטען, אין רעזולטאט פון וועלכע פרל. אינגבער האט די לעצטע טעג בעקומען א דאנק-בריעף פון עגיפטישען קאנסולאט אין ווארשא אין נאמען פון קעניג פארוק דעם ערשטען.

חוץ דעם לעגט מען איהר פאר א בחנמ'דיגע רייזע קיין עגיפטען, וואס ס'וועט איהר געבען די מעגליכקייט אונמיטעלבאר זיך צו בעקענען מיט דעם דאזיגען ענזאטישען לאנד.

תיקון טעות

אינ'ם בעריכט: „די יוגענד און די צוקונפט פון יהדות" אין צווייטען שפאלט ניינטער שורה, דארף זיין: דאס יודענטום באזירט גישט אויפ'ן רמב"מ'ס „מורה נבוכים", וואס איז געבליבען א רעליגיעז לעהר-בוך א.ז.וו.—וואס איז צוליב א טעות ארויסגעפאלען.

נדבות פאר דער געז. „תומכי עניים"

ה' א. ז. צו דער חתונה פון זיין שוועסטער 5 זל.

ה' ה. שאיא צו דער יאהרצייט פון זיין פערשטארבענעם פאטער 3 זל.

ה' ח. בערקאוויטץ צו דער חתונה פון זיין טאכטער 1 זל.

ה' אולעושאלקא 50 גר.

ה' געווערצמאן 50 גר.

ה' ווראצלאווסקי 50 גר.

ה' ה. שאיא 1 זל.

20-יעהריגער יובילעאום פון א היגער יודישער פירמע.

די בעקאנטע פירמע י. זשאנשינסקי, אלעע 29, פייערט דעם 20-יעהריגען יובל, זינט עס איז געגרינדעט געווארען דאס דאזיגע מאנופאקטור-געשעפט.

דער 20 יעהריגער יובל פון דער פירמע זשאנשינסקי איז אויסגעפאלען אין א שווערע צייט פאר'ן יודישען סוחר'טום, די פירמע זשאנשינסקי ליידט אונגעהויער פון דעם פערשארפטען באיקאט, פונדעסטוועגען בעמיהט זי זיך מיט אלע כחות צו דערהאלטען די פאזיציע, וועלכע זי פערנעמט, 20 יאהר.

די פירמע זשאנשינסקי האט לכבוד דעם 20-יעהריגען יובל פון איהר עקזיסטענץ בעשלאסען צו מאכען א ביליגען חודש, און די אלע מאנופאקטור, זיידען און וואל-סחורות פון די בעסטע סארטען צו פערקויפען צו זעהר ביליגע פרייזען.

פארבעריי און כעמישע וועשעריי „BENETA"

ב. יאסעלעוויטשא 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאפעלושארניע)

קראגענס ווערען געוואשען מיט דויערהאפטען שפיגעל-גלאנץ

ספעציאליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען אויפ'ן ארט),
4) כעמיש רייניגען און פאסאנירען קאפעלושן,

KINO „EDEN".

היינט!

BIAŁY ANIOŁ

ריהרענדע ערצעהלונג פון א העראאישער פלעגע-שוועסטער, וועמעס העלדישקייט און אפפערוויליגקייט איז איבערגעגאנגען אין דער געשיכטע.

אין דער הויפט-ראל:

קיי פראנסיס

איבער'ן פראגראם:

אקטואליען און קלאנג - צוגאבען.

Kino „LUNA"

שטערן פון 1937 יאהר

DEANNA DURBIN

אין דער הערליכער קאמעדיע פון קאסטערליץ און פאסטערנאק

Penny

איבער'ן פראגראם:

קאלירטע צוגאבען און פאט.

Kino-Teatr „STYLOWY"

Aleja 27.

די גרעסטע פילם-סענסאציע!

KREW NA MORZU

מיט הארי באור

איוואן מאזשוכין א. א.